№ 12 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. | פרייז 20 גראשען | Lodzer Tageblat

לאָדזשער טאָגעבלאַט

22-סטער יאהרגאנג | 14 stycznia 1929 r | מאנטאג, ג' שבט תרפ"ט | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פּעטריקאַוער 6. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47

לאדז אהן טעלעפאן-פערבינדונג
מיט ווארשא און מיט אלע אנדערע שטעט אין פוילען

די שטאַרקע פרעסט, וואס האבען די לעצטע צוויי וואכען געהאלטען איינגעקנאַפּט גאנץ פוילען, ווי אין אייזערנע רייפען, איז ענדליך שבת ביינאכט געפּלאצט און עס איז א ביסעל לייכטער געווארען. נעכטען אינדערפריה איז אבער אין איינינע געגענדען פון פוילען דערונטער אויך אין לאדז און אין דער אומגעגענד געהערשט א מורא'דיגע שניי-זאוויערוכא. אויף פיל ערטער זענען איבערגעריסען געווארען די טעלעפאן- און טעלעגראף-פערבינדונגען אין לאדז איז אזוי ארום נעכטען א גאנצען טאג געבליבען אהן טעלעפאן-קאמוניקאציע מיט דער הויפּט שטאט און אנדערע שטעט פון פוילען.

ביז דריי ביינאכט איז נאך די טעלעפאן-פערבינדונג נישט געווארען צוריקגעשטעלט, און לאדז איז נאך אלץ געווען אפּגעשניטען פון דער גרויסער וועלט.

דרייסטער באנדיטען-אנפאל אויף א טויש-קאנטאר אין קראקא

קראקא. (טעלעפאניש) נעכטען ארום 3 נאכמיטאג איז אויסגעפיהרט געווארען א דרייסטער באנדיטען-אנפאל אין טויש-קאנטאר פון קארל נאטליב, מארק-נאם 17.

ווען דער אנגעשטעלטער פון קאנטאר איז צוריקגעקומען פון מיטאג און געעפענט דאס קאנטאר, איז אריינגעקומען אן'עלעגאנט-געקליידעטער יונגערמאן, וועלכער האט דראהענדיג מיט א רעוואלווער, געצוואונגען דעם אנגעשטעלטען זיך אנידערצולייגען אויף דער פאדלאגע. דער באנדיט האט דאן צוגענומען דאס גאנצע געלט אויסלענדישע וואלוטע, דאלארען, עסטרייכישע קראנען, אבליגאציעס פון דער פוילישער דאלאר-הלוואה א.ד.גל. צוזאמענדיג ס'גאנצע געלט איז דער באנדיט זיך רוהיג ארויסגעגאנגען און זיך אויסגעמישט צווישען המון.

דער אנגעשטעלטער האט תיכף צו וויסען געטאן דער פאליציי און אין א שעה ארום האבען צוויי פאליציי-אגענטען דערזעהען דעם חברה-מאן געבען שפערלינג'ס באנק. זיי האבען אים נישט תיכף ארעסטירט, נאר געוואלט זעהען, וואס ער וועט טון. ער איז אריין אין שפערלינג'ס באנק, דארט אויסגעטוישט א הונדערט-קראן-שטיק און צוריק ארויסגענומען. די געהיים-אגענטען זענען אוהם נאכגעגאנגען. בעמערקענדיג, אז מען פערפאלגט אוהם, האט ער ארויסגעכאפּט א רעוואלווער. דא האט א פאליציי-אגענט געשאסען אויף אוהם 4 מאל, פון וואס ער איז אנידערגעפאלען, בעגאסענדיג זיך מיט בלוט. מ'האט אוהם גלייך גענומען אין א שפּיטאל אריין. כמעט אלע ווערט-פאפירען און געלדער, וואס ער האט צוגערויבט, זענען צוריק אפּגענומען געווארען. זיין צושטאנד איז זעהר א געפעהרליכער.

סערום געגען גריפּע

וואשינגטאן (ספ.) אויף דער זיצונג פון דער קאמיסיע פון דאקטוירים און באקטעריאלאגען, וואס איז געשאפען געווארען צו בעקעמפען די גריפּ-עפידעמיע אין אמעריקא, האט דער בוואוסטער מעדיקער ד"ר אטוואוד ערקלערט, אז ער האט אויסגעפונען א סערום געגען דער גריפּע.

דער סערום ווערט בעצויגען פון די פערזאנען, וואס זענען שוין קראנק געווען אויף גריפּע. פון יעדען גריפּע-קראנקען קאן מען ארויסציהען אזא דאזע פונ'ם סערום, וואס זאל קלעקען פאר 20 מאן. דער סערום ווירקט אויף א צייט פון 90 טעג.

ווי גרויס איז דער אראנזשען-קאנטינגענט פון א"י פאר פוילען

ווארשא. (ימא) צווישען די א"י-אראנזשען-פלאנטאטארען אין ארץ-ישראל האט ארויסגערופען א גרויס אויפגערעגטהייט און בעוואונדערונג די ידיעה, וואס איז דערהאלטען געווארען פון ווארשא, אז פונ'ם אראנזשען-קאנטינגענט, וואס דאס פוילישע מיניסטעריום פאר האנדעל און אינדוסטריע האט בעשטימט פאר'ן יאהר 1929 אין דער הויך פון 750 וואגאנען, איז פאר ארץ-ישראל בעשטימט געווארען בלויז א קליינער טייל פון 7 וואגאנען אין צוויי קאנטינגענטען. דערביי האט דער ווארשאווער „ימא"-ביורא בעקומען פון אויסערן-מיניסטעריום פאלגענדע ערקלערונג:

דאס איינטיילען דעם בעשטימטען אראנזשען-קאנטינגענט צווישען די פערשידענע אויספּארט-לענדער איז אפּהענגיג פון די האנדעלס-אפּמאכען מיט די רעגירונגען פון די בעטרעפענדע לענדער, ווי אויך פון דעם סכום סחורות, ארעקט מאטעריאלען, וואס די דאזיגע לענדער אימפּארטירען פון פוילען. בנוגע ארץ-ישראל איז דער פריזהער-בעשטימטער קאנטינגענט פערגרעסערט געווארען מיט נאך 7 וואגאנען מיט'ן בעדינג אז ארץ-ישראל וועט אימפּארטירען פון פוילען סחורות פאר א גלייכען ווערט.

דער דאזיגער בעדינג, וועלכער איז נישט קיין אויסנאהם פאר ארץ-ישראל, איז גילטיג צוליב דעם גלייכגעוויכט פון האנדעלס-בילאנס.

רומענישע יודען אין אמעריקא ווילען שטיצען די אנלייהע פון דער רומענישער רעגירונג

בוקארעסט. (ימא) ד"ר פילדערמאן, דער פרעזידענט פון דער „אוניאן" האט זיך פארגעשטעלט דעם פרעמיער-מיניסטער יוליו מאניו און אוהם איבערגעגעבען דעם אינהאלט פון א בריף, וועלכען ער האט בעקומען פונ'ם פרעזידענט פון דער „אוניאן פון רומענישע יודען אין אמעריקא און קאנאדא". די אמעריקאנער „אוניאן" ערקלערט, אז זי וועט מאכען אלע אנשטרענגונגען, כדי צו העלפען די פארשטעהער פון דער רומענישער רעגירונג אין אמעריקא און אומעטום, אונ'ם ווערק פון רעארגאניזירען די מלוכה און סטאבילוזירען די וואלוטע.

היום 14/1 ב 8.30 שעות בערב באולם „דזמיר" (יושציושקי 21) תתקים
הפתיחה החגיגית של ה„מרכז העברי"
ע"ש ד"ר י. נ. שמחוני (ע"י תרבות)
בהשתתפות מר ד"ר י. פרענקעל, המשורר יצחק קצנלסון
והסטודיה הדרמטית העברית ע"י „וויזא"
כרטיסים במספר מצומצם להשיג היום מ 6—8 ע"י הקופה.

צו דער טאג-ארדנונג...
נעכטיגע זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג

(—) נעכטען פארמיטאג איז פארגעקומען א זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג. ארום 11 עפענט די זיצונג פרעזעס מונצבערג און די פארגעלעגטע טאגע-ארדנונג ווערט אנגענומען. עס ווערט אויך בעשטעטיגט דער פראטאקאל פון דער לעצטער זיצונג און דערנאך ווערען געלייענט קאמוניקאטען.

דאן ווערען געגעבען צו קענטניס די בעשטעטיגונג פון מיניסטעריום פון דער עטאט-ליסטע פאר 1928 און די דאנקזאגונג פון דער קאנצעלאריע פון מארשאל פילסודסקי פאר די נייע-יאהר-וואונשען, וואס די קהלה האט צוגעשיקט צום מארשאל פילסודסקי לכבוד נייע-יאהר.

דאן ווערט פארגעלייענט א בריף פון פרעזעס פון קהלה-ראט ה' בודזינער, וואס פאדערט אויף די קהלה-פערוואלטונג איינצוצאהלען אין דער קהלה-קאסע 500 זל., וואס די קהלה האט בעשטימט פאר די אויסגאבען פון דער אלטשטעטישער שוהל און וואס זענען געבליבען נישט געווארען אין בודזשעט דורכ'ן מיניסטעריום.

פרעזעס מונצבערג גיט דערויף אן אנ'ערקלערונג, אז איינע פון די הויפט אויפגאבען פון דער קהלה-פערוואלטונג איז צו זארגען פאר דער שוהל און מוז דעקען איהר בודזשעט. דער קהלה-ראט איז דער קאנטראל-ארגאן פון דער קהלה-פערוואלטונג און די לעצטע ווארפט זיך אונטער יעדער קאנטראל פון ראט און זיינע בעפאלמעכטיגטע. ער מוז אבער רעאגירען געגען דעם טאן פון דער ווענדונג און ער פאדערט אויף די פערוואלטונג אנצונעמען א שטעלונג. נאך א לענגערער דיסקוסיע ווערט בעשלאסען איבערצוגעהן צו דער טאג-ארדנונג איבער דער ווענדונג פון ראט-פרעזעס.

דערויף ערקלערט ה' מונצבערג, אז ער וועט געבען אנ'ענטפער דעם ה' בודזינער אין זיין איינענעם נאמען, היות זיין ווענדונג איז אויך נישט געשריבען אין נאמען פון ראט נאר אין בודזינער'ס נאמען.

פרעזעס מונצבערג דערצעהלט דאן, אז די פערוואלטונג פון דער דיסקאנט-באנק אויף פעטריקאווער 43 האט זיך געווענדעט צו דער קהלה-פערוואלטונג וועגען אנ'אויפקלערונג מכח די וועקסלען, וואס די קהלה-פערוואלטונג האט ארויסגעלאזען אהן דער בעפולמעכטיגונג פון ראט. עס האט זיך ארויסגעוויזען, זאגט מונצבערג, אז ה' בודזינער איז געווען אויף א זיצונג פון דער פערוואלטונג פון דער דערמאנטער באנק און ער האט ערקלערט, אז די וועקסלען פון דער קהלה האבען נישט קיין ווערט, ווייל ביי נייע וואהלען וועט די פערוואלטונג מעהר נישט אויסגעקליבען ווערען און דער ראט איז פאר די דאזיגע וועקסלען נישט פעראנטווארטליך.

די קהלה-פערוואלטונג — זאגט פרעזעס מונצבערג — איז בשעתו בעפולמעכטיגט געווארען דורכ'ן ראט אויסצושטעלען וועקסלען אויף דער קויהלען-אקציע און פסח-אקציע. די קהלה האט מאקע אויסגעשטעלט אזעלכע וועקסלען אויף א סומע פון 240 טויזענד זל. עס איז דעריבער קלאר, אז אזא ערקלערונג ווי עס האט אפּגעגעבען ה' בודזינער, גראבט אונטער דעם כבוד פון דער קהלה-פערוואלטונג.

נאך א לענגערער דיסקוסיע איז בעשלאסען געווארען צו ווארענען די פערוואלטונג פון דער באנק, אז באם זי וועט ענדערען איהר בעציהונג צו דער קהלה, וועט די לעצטע מוזען איהר איבעררייסען יעדע בעציהונג און וועט איבערגעבען דאס אויפמאהנען דעם עטאט אנ'אנדער באנק.

פרנס רום ערקלערט דאן, אז ה' בודזינער האט זיין ערקלערונג אפּגעגעבען נישט אלס פרעזעס פון ראט, נאר אלס מיטגליד פון דער פערוואלטונג פון דער דיסקאנטא-באנק.

פרנס צימרינגאווסקי טראגט ארויס א פארשלאג, אז היות די בעציהונגען אין דער קהלה זענען שרעקליכע, זאל די לעצטע ווענדען זיך מיט א בקשה צו דער אויבערכטע-מאכט וועגען אויפלעזען די פערוואלטונג און דעם ראט און אויסשרייבען נייע וואהלען. צוליב דעם, וואס דער זעלבער פארשלאג איז אויף דער לעצטער ראט-זיצונג אפּגעווארפען געווארען, זאגט זיך אפּ ה' מונצבערג צו שטעלען דעם פארשלאג צו אפּשטימונג.

דערויף בעשליסט די פערוואלטונג איבערצוגעהן איבער דער לעצטער ראט-זיצונג צו דער טאג-ארדנונג.

דאן רעפערירט אדוו. וויינטמאן די פראגע וועגען אפּמאך מיט „מאז" און ס'ווערט בעשלאסען, אז אויב „מאז" וועט נישט איינגעהן אויף די בעדינגונגען פון דער קהלה, זאל די לעצטע אליין פיהרען דעם שלאכטהויז. די פארשטעהער פון דער סאציאלער קאמיסיע ווערען בעפולמעכטיגט ווייטער צו פיהרען די אונטערהאנדלונגען מיט „מאז" און צו דערפיהרען צו א הסכם און פארשטעלען דעם דערגרייכטען רעזולטאט אויף דער נאכדעמקומענדער זיצונג.

דערויף ווערט בעשלאסען פון 1. יאנואר אן צו געבען די אלמנות פון די פערשטארבענע מורה-הוראות יוסמאן און וויינגארט אנ'עמערוטור.

די סאציאלע הילפס-קאמיסיע טראגט ארויס א פארשלאג וועגען פערטיילען קויהלען-שטיצע אויף דער אלגעמיינער סומע פון 50 טויזענד זל.

פרנס פליוואצקי לעגט פאר צו געבען די שטיצע אין מזומן.

נאך א דיסקוסיע ווערט בעשלאסען די קויהלען צו טיילען אין נאטור און צו ווענדען זיך צום ראט וועגען בעשטעטיגען די דאזיגע פאזיציע.

עס ווערט אויך בעשלאסען צו הייכערן די שטיצע פאר די יתומים פון פילנאצנא 39 אויף 30 זל. א חודש פון א קאפ.

פרנס האפמאן טראגט ארויס א פארשלאג וועגען געבען א שטיצע פאר די חלוצים, וואס פאהרען היינט אפּ קיין ארץ-ישראל אין א סומע פון 1000 זל.. עס ווערט בעשלאסען דעם פארשלאג איבערצושיקען אין דער סאציאלער קאמיסיע.

מכח דער פראגע וועגען א סובסידיע פאר אקאדעמיקער, שילער פון תלמוד-תורות און פון אנדערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס ווערט בעשלאסען דעם טעמע איבערצושיקען אין דער רעגולאמין-קאמיסיע.

נאכדעם, ווי די גאנצע טאג-ארדנונג איז אויסגעשעפט געווארען, ווערט די זיצונג געשלאסען.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 60 יאהר מיין ל. מאן, אונזער ברודער און שוואגער

נ"ע מענדיל גערשענאוויטש

די לויה קומט פאר היינט מאנטאג, 12 א זייגער מיטאג פון ראדאגאשטשער שפיטאל.

די טיפטרויערנדע פאמיליע

וויכטיג פאר מוזיק-ליבהאבער

ס'איז ערשינען פון דרוק זיבען פאלקס-לידער בעארבייט פאר א געמישטען כאר, אויך צוויי אריגינאל-קאמפאזיציעס פאר א מענער-קווארטעט, טעקסט פון פּרעפּוס. מוזיק פון לעאן זעלמאן.

דער פרייז פאר אלע צוזאמען 6 זל. פאר מוזיקער 20 פראצענט ראבאט. אויף נאכנאמע 50 גר. טייערער.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען צו ל. זעלמאן; לאדז. נאווא-צעגעלניאנא 7.

קופאן № 3
אויף אומזיסטע יורידישע עצות.
דער פארציבער פונ'ם דאזיגען קופאן קען בעקומען אומזיסט יורידישע עצות דורכ'ן יורי-קאנסול פון אונזער רעדאקציע.
גילטיג היינט מאנטאג, דעם 14. יאנואר פון 8—9 אוו.

Dr. Niewiażski
האט זיך איבערגעצויגען
אויף אנדזשעיא 5, טעל. 59-40
נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אוונד.
ספעציאל-ארצט פאר סיפיליס, טריפער און מענער-שוואכע בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
פאר דאמען ספעציעלער ווארטע-זאל.

Dr. L. CZARNOŻYŁ
צוריקגעקעהרט
צעגעלניאנא 10

Dr. med. Ludwik Rapeport
P. Narutowicza 25 (דזשעלנא) Tel. 44-1
ספעציאליסט פאר נירען-, בלאז- און הארן-קראנקהייטען

Dr. med. A. Askenazy
ספעציאליסט פון כירורגישע און פרויען-קראנק.
זאוואדזקא 30 (גדאנסקא 26)
טעל. 22-36
נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—7 נאכמ.

Dr. med. Adam BENDER
Przejazd 30, Telef. 54-68.
ספעצ. פאר אינערליכע
און הארץ-קראנקהייטען
נעמט אן פון 5—7 נאכמיטאג. 0058

Dr. med. A. Mazur
ספעציאל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק
ווי אויך שטום און שפראך-פעהלער
האט זיך איבערגעצויגען אויף
ווסכאדניא 65
אריינגאנג אויך דורך פיעטריק. 146, טעל. 66-01

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA
גדאנסקא 28, טעל. 41-46
ספעציאליסט פון ביינער און געלענק-קראנקהייטען
:—: פערקרימונגען פון פלייצעס און גלידער. :—:
אייגענע פראצאוניע
פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפּאראטען: ווי וואקלאדקען געגען פלאטפוס, קינסטליכע פיס, ארטאפּעדישע גארסעטען א. ז. וו. נעמט אן פון 5—7

Dr. Wołkowyski
צעגיעלניאנא 25
טעלעפאן 26-87
ספעציאל-ארצט פאר הויט- ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע. אלע-ארט אנאליזע
נעמט צבעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
ן פון 8—10, 12—2 און 4—8 אווענד.
בעזונדער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr. med. DONCHIN
צוריקגעקעהרט אין לאנד
ספעציעל-ארצט פאר אויגען-קראנקהייטען
נעמט אן טעגליך פון 10—1 און פון 4—7 נאכמ.
זונטאג — פון 10—1 נאכמ.
מאניושקי Moniuszki 1 טעל. 90-07

פלעגט די פיס
PEDICURE
S. Łódzki

Traugutta 5 (Krótka) m. 10, tel. 70-37
נעמט אן פון 11—2 און פון 4—7 א. געוועזענער אסיסטענט ביי מיסיז ער עלעמאן (הינער-אויגען-אנשטאלט אין לאנדאן). ספעציאליסט צו בעזייטיגען הינער-אויגען פון הארנהויט ווי אריינגעוואקסענע נעגעל אהנע שמערצן.

מלוכה־איבערקערעניש אין מאַנדזשוריע: 2 גענעראַלען דערשאָסען. — אַנטי־יאַפּאַנישער שטרייק אין האַנקאַו

לאָנדאָן (ספּ.)

אין מאַנדזשוריען איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ פֿערשווערונג געגען גובערנאַטאָר טשאַן טסו ליאַן. ערשט נישט לאַנג האָט די מאַנדזשורישע מאַכט אָנערקענט די צענטראַלע כינעזישע רעגירונג אין נאַנקין. אַ טייל גענעראַלען האָבען נישט געוואָלט אָנערקענען דעם דאָזיגען שריט. זיי האָבען דערויף אָרגאַניזירט אַ פֿערשווערונג און געוואָלט פֿערכאַפּען די מאַכט.

דער דיקטאַטאָר טשאַן־טסו־ליאַן (אַ זוהן פֿון טשאַן־טסאָ־לין) האָט בײַצײַטענס אַרומגערינגעלט מיט זײַנע געטרײַ־געבליבענע פּאָלקען דעם אַרסענאַל און די הויפּט־קוואַרטיר פֿון די צעבונטעוועטע גענעראַלען. ער האָט אַרעסטירט דעם שעף פֿון גענעראַל־שטאַב יאַנג־א־טינג און דעם גענעראַל טשאַנג־אי־הואַי. טשאַן־טסו־ליאַן האָט זיי גלײַך גענומען אויף אַ פֿעראהער און מען האָט זיי לויט זײַן באַפֿעהל גלײַך דערשאָסען.

מען האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אַרעסטירט פֿיל אַנהענגער פֿון דער אַלטער פּאָליטיק, וועלכע פֿיהרען אַנ׳אַגיטאַציע געגען דער נאַנקינער רעגירונג.

דער יאַפּאַנישער פּרעמיער טאַנאַקאַ האָט ערקלערט, אַז ער איז נישט געגען דעם, וואָס מען הענגט אַרויס אין מאַנדזשוריען די נאַציאָנאַלע פֿאָהן פֿון גאָמינדאַן. ער האָפֿט, אַז דער לעצטער שריט פֿון טשאַן־טסו־ליאַן וועט נישט שעדיגען די אינטערעסען פֿון יאַפּאַן. ער האָט זיך ווײַטער באַקלאָגט, אַז די נאַנקינער רעגירונג איז שולדיג אין דעם, וואָס יאַפּאַן און כינא זענען נאָך נישט געקומען צו אַ הסכם.

אין האַנקאַו האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע אַנטי־יאַפּאַנישע באַוועגונג. אין פֿאָרט האָבען פֿערשטרײַקט 10 טויזענד אַרבייטער. די אַרבייטער פֿאָדערן, אַז דאָס יאַפּאַנישע מיליטער זאָל אַוועקגיין. דעם 14. ת. ה. דאַרף אויספֿערלעבען אַנ׳אַלגעמיינער שטרייק. אַ המון האָט באַוואָרפֿען מיט שטיינער דעם יאַפּאַנישען קאָנסולאַט. עס זענען אָנגעקומען קיין האַנקאַו 2 יאַפּאַנישע פּאַנצער־קרייצער מיט מיליטער.

—0—

געזעץ־פּראָיעקט געגען אַרײַנציהען רעליגיעזע מאָמענטען אין וואַהל־קאַמף אין אַמעריקע

וואַשינגטאָן. (יטא) קאָנגרעסמאַן בלעק פֿון ברוקלין האָט אַרײַנגעבראַכט אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס אַ געזעץ־פּראָיעקט, לויט וועלכען עס וועט פֿערבאָטען ווערען אונטער אַ שטראָף־סאַנקציע אַרײַנציהען אין וואַהל־קאַמף רעליגיעזע מאָמענטען און פֿעררופֿען זיך אין דער אַגיטאַציע פֿאַר אָדער געגען אַ קאַנדידאַט אויף זײַן רעליגיעזער צוגעהעריגקייט.

דער געזעץ־פּראָיעקט איז איבערגעשיקט געוואָרען אין דער יורידישער קאָמיסיע פֿון אַמעריקאַנער קאָנגרעס.

—0—

וועגען די אימיגראַציע־בעגרענצונגען קיין קאַנאַדע

דאַנציג. (יטא) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ידיעה, אַז דער קאַנאַדישער פּרעמיער־מיניסטער וויל נאָך ווײַטער בעגרענעצען די מזרח־אייראָפּעאישע אײַנוואַנדערונג קיין קאַנאַדע, דערוויסט זיך דער דאַנציגער יט״א־קאָרעספּאָנדענט, אַז דער קאַנאַדישער רעגירונגס־קאָמיסאַר אין דאַנציג ערקלערט, אַז ער האָט ביז איצט קיין נײַע דירעקטיווען נישט ערהאַלטען וועגען די אימיגראַציע־בעגרענצונגען. דערווײַל ווערען די ווייזעס געגעבען אויפֿ׳ן יסוד פֿון די ביז־איצטיגע אימיגראַציע־בעשטימונגען. עס ווערען אָבער ערוואַרטעט פֿון אָטאַווע נײַע דירעקטיווען, וועלכע זאָלען שוין זײַן אין הסכם מיט דער נײַער פֿעראָרדנונג פֿון דער קאַנאַדישער רעגירונג.

די שטעלונג פֿון די אַגודיסטישע קרייזען

צו דער פֿערשטענדיגונג צווישען דעם ועד הלאומי און דער אַי־אַגודה וועגען כותל־מערבי־ענין

פֿראַנקפֿורט (יט״א) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פֿערשטענדיגונג, וואָס איז צושטאַנדגעקומען צווישען דעם ועד הלאומי און דער „אגודה" אין ארץ ישראל וועגען אַ קאָאָרדינירטער אַקציע אין דעם כותל־מערבי ענין, איז דורך די אַגודיסטישע פּרעסע פֿערעפֿענטליכט געוואָרען אַ מיטטיילונג, אין וועלכער עס ווערט צום סוף געזאָגט:

„דער אָפּמאַך האָט איבערגעלאָזט די בײַדע אָרגאַניזאַציעס אַ פֿולע האַנדעלס־פֿרײַהייט אין אַלע פּאָליטישע פֿראַגען, וואָס זענען פֿערבונדען מיט דעם כותל־מערבי־ענין, און בעצוג צו דער ענגלישער רעגירונג און צום פֿעלקער־בונד. דאָך האָבען זיך בײַדע צדדים פֿערפּליכטעט זיך צו בעראַטען און פֿערשטענדיגען פֿאַר דער אויספֿיהרונג פֿון אַזעלכע פּאָליטישע שריט. דער אָפּמאַך נעמט אוננאַנצען נישט אַרום, פֿערשטעהט זיך, די צענטראַלע אָרגאַנען, ד. ה. די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און די אגודיסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. מען דאַרף אָבער האָפֿען, דאָס די לאָקאַלע פֿערשטענדיגונג וועט אויך אין דער ווײַטערונג האָבען אַ געוויסע מאָראַלישע ווירקונג."

מאַגיסטראַט רעגולירט דעם אויטאָבוס־פֿערקעהר

(מ) די אויטאָבוס־קאָמוניקאַציע צווישען לאָדז און דער נאָהענטער און ווײַטער פּראָווינץ, וואָס ענטוויקעלט זיך לעצטענס אין אַזאַ שנעלען טעמפּאָ, רופֿט אַרויס אויפֿ׳ן טאָג־אָרדנונג די פֿראַגע וועגען רעגולירען דעם דאָזיגען פֿערקעהר פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער עפֿענטליכער זיכערהייט. צווישען לאָדז און די אַנדערע שטעט פֿון דער לאָדזער וואָיעוואָדשאַפֿט קורסירען איצט בײַ 150 אויטאָבוסען און לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבען אין דער שטאָט אומגעפֿעהר צעהנדליג סטאַציעס, וואו די דאָזיגע אויטאָס שטעהען. די טראַמוויי־דירעקציע איז געגען ערלויבען די אויטאָבוסען צו פֿערקעהרען איבער דער שטאָט.

און שייכות דערמיט איז אין מאַגיסטראַט אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפֿערענץ מיט׳ן אנטייל פֿון די פֿאָרשטעהער פֿון פֿעראיין פֿון אויטאָמאָבילען־בעזיצער, דירעקציע פֿון די טראַמווייען, שטאָט־סטאַראָסטווע און דער פּאָליציי.

די קאָנפֿערענץ האָט אָנגענומען דעם פֿאָרשלאַג פֿון מאַגיסטראַט וועגען שאַפֿען אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויספֿאָרשען די שטעה־פּלעצער פֿאַר די אויטאָבוסען, אויך וויפֿיל זיי ענטשפּרעכען די קאָמוניקאַציע־בעדערפֿנישען און די פֿאָדערונגען פֿון דער עפֿענטליכער זיכערהייט.

פֿערזאַמלונג פֿון טעקסטיל־סוחרים

צו סאַנירען די פֿערהעלטנישען אויפֿ׳ן מאַנופֿאַקטור־מאַרק

(:) דאָנערשטאָג איז אין לאָקאַל פֿון סוחרים־פֿעראיין (פּעטריקאָווער 73) פֿאָרגעקומען אַ פֿערזאַמלונג פֿון דער טעקסטיל־סעקציע, געווידמעט דער פֿראַגע וועגען דער איצטיגער סיטואַציע אין האַנדעל און טעקסטיל־אינדוסטריע.

אין דער ערשטער רייהע איז בעשלאָסען געוואָרען פֿעסטצושטעלען די פֿערקויפֿס־פּאָליטיק מיט׳ן צוועק צו נאָרמירען די סיטואַציע אויפֿ׳ן מאַרק. עס זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען נאָרמען, צו וועלכע אַלע לאָדזער סוחרים וועלען מוזען זיך צופּאַסען אונטער דראָהונג פֿון אַנווענדען קאָנווענציאָנעלע שטראָף. עס זענען אויך אויסגעאַרבייט געוואָרען רעזאָלוציעס אין בעצוג צו די אינדוסטריעלער, כדי צו נאָרמירען די איבערפּראָדוקציע. מכח די וועקסעל־טערמינען איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז דאָס דאַרף געמאַכט ווערען זעהר פֿאָרזיכטיג.

געכאַפּט די מערדער פֿון מענדעל זאַקס

(:) מיט אַ צייט צוריק האָבען מיר מיטגעטיילט, אַז אין דאַנציגער פּאָרט האָט מען געפֿונען אַ ערמאָרדעטען דעם טורקער יוד מענדעל זאַקס. פּאָליציי האָט דאַן אונטערגענומען אַן ענערגישע אויספֿאָרשונג און ס׳איז געלונגען צו פּאַקען איינעם פֿון אַ פֿערצווייגטער מולכ׳ער־באַנדע אַ געוויסען גראָדזינסקי, וואָס האָט זיך מודה־געווען אין אויספֿיהרען דעם מאָרד צוזאַמען מיט זײַן חבר יאַן ראַבושקאַ. ווי מיר דערוויסען זיך יעצט, איז דער לעצטער געכאַפּט געוואָרען אין גדיניאַ, וואו ער האָט זיך געהאַט פֿערדינגען אַלס מאַטראָז, וועלענדיג אַנטלויפֿען קיין אויסלאַנד.

בריף אין רעדאַקציע

חשוב׳ער ה׳ רעדאַקטאָר! ערלויבט מיר אין אײַער פֿיל־געלייענטער צייטונג אָפּצודרוקען פֿאָלגענדע אויפֿקלערונג:

היות ווי מײַן שייכות צום בית־הכנסת „באר מרים" און בית־המדרש „בית יעקב" אויף נײַע זאַרזשעווסקאַ 18 ווערט פֿאַלש אויסגעטײַטשט, וויל איך דאָ קלאָר מאַכען אָט־וואָס:

1) דעם פּלאַץ פֿאַר׳ן בנין פֿון דער שוהל האָט געשענקט ה׳ יעקב שמײַון. איך געהער צום קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אונטערגענומען די גרינדונג צו לייטען און צו פֿערפֿולקומענען.

2) מיט דער אַקציע פֿון איבערבויען די פֿאַבריקס־געביידע אויף אַ מקום קדוש פֿיהרט אָן דער גבאי ראשון ה׳ משה גאָלדהערץ און די קליינע בעטרעגען, וואָס פֿליסען אַרײַן יעדע וואָך פֿון די מתפּללים זענען בתורת הלואה, וואָס עס וועט זײַן אָראָפּגערעכענט ווערען פֿון שוהל־געלד אָדער בײַם קויפֿען אַ שטאָט.

3) דער בנין פֿון „תלמוד תורה ומלאכה" איז אַ גאַנץ בעזונדערע אַקציע. און וועלכער עס איז אויך אין אַנ׳אַגווע־ ... העכסטער מאָס בעשטעטיגט ה׳ שטײַן, שענקענדיג דערויף אַ פּלאַץ נעבען בית־הכנסת.

מיט כבוד
מאיר פּלאַצקער

אַדרעסען־בוך

פֿאַר האַנדעל און אינדוסטריע פֿון פּוילען.

אין פֿערלאַג פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעקלאַמע־געזעלשאַפֿט רודאָלף מאָסע אין וואַרשע ערשײַנט אין די נאָהענטסטע טעג די דריטע אויסגאַבע פֿון פֿערבעסערטען אַדרעסען־בוך פֿון פּוילען פֿאַר האַנדעל, אינדוסטריע, האַנדווערקער און אַגראַר־ווירטשאַפֿט.

ווי נויטיג אַזאַ בוך איז פֿאַר אַלע קרייזען פֿון האַנדעל און אינדוסטריע בעווײַזט דער פֿאַקט, וואָס אין משך פֿון אַ קורצער צייט זענען צוויי אויפֿלאַגען פֿולשטענדיג אויספֿערקויפֿט געוואָרען. די פֿירמע האָט נישט געשפּאָרט קיין מיה, אַז די דריטע אויסגאַבע זאָל זײַן פֿערזעהן מיט אַ סך נויטיגע אויסבעסערונגען און פֿערפֿאָלקאָמענהייטען, און ס׳איז צו האָפֿען, אַז אויך די דריטע אויפֿלאַגע פֿון דעם זעהר נוצליכען בוך וועט געפֿינען אַ געהעריגען אָפּקלאַנג.

תחום המושב אויפֿן בית־הקברות פֿאַר מחללי־שבת

בעשלוס פֿון דער נעכטיגער רבנים־קאָנפֿערענץ אין לאָדז

נעכטען איז אין לאָקאַל פֿון דער קהלה פֿאָרגעקומען די צוזאַמען רבנים־קאָנפֿערענץ. עס האָבען זיך בעטייליגט די רבנים פֿון דער לאָדזער סביבה און דער גאַנצער לאָדזער ראַבינאַט.

אויף דער טאָג־אָרדנונג זענען געשטאַנען פֿראַגען וועגען פּסח, שמירת־שבת, גטין א.א. מכח פּסח איז בעשלאָסען געוואָרען נישט צו געבען קיין הכשר אויב זי וועט נישט נעמען קיין משגיח.

מכח גטין איז בעשלאָסען געוואָרען נישט צו דערלאָזען קיין צופֿעליגע גטין, נאָר ווי ביז איצט מוז דער גט דורכגעפֿיהרט ווערען דורך אַ רב.

אַ גאַנץ אײַנגעהאַרטיגער בעשלוס איז אָנגענומען געוואָרען בנוגע שמירת־שבת. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די מחללי־שבת דאַרף מען נאָכ׳ן טויט יא קובר זײַן, אָבער מען דאַרף פֿאַר זיי אויפֿ׳ן בית־הקברות שאַפֿען אַ בעזונדערע אָפּטיילונג, ווי זיי דאַרפֿען ליגען אין שכנות איינער נעבען אַנדערען, אַ מין „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי"...

דער דאָזיגער בעשלוס איז עלול אַרויסצורופֿען פֿיל בייז בלוט אין די יודישע קהלות און אָנשטאַט צו פֿערמיידען מחלוקת בישראל, טוען, דאַכט זיך, די רבנים פּונקט פֿערקעהרט. אויב די רבנים ווילען זוכען מיטלען וועגען שמירת שבת זענען פֿאַראַן גענוג ראַציאָנעלערע מיטלען.

יודיש טעאַטער אין פּילהאַרמאָניע זאַל — נאַרוטאָוויטש 20 —
אונטער דער לייטונג פֿון א. בעזמאַן און א. קאַמפּאַניעעץ
מיט׳ן אנטייל פֿון די ליבלינגס־אַרטיסטען באָריסאָווא, ראַבינאָוויטש
און די בעקאַנטע פּרימאַדאָנאַ נאַדיאַ קאַרעני
היינט מאָנטאַג גרויסע פּאָפּולערע פֿאָרשט. פֿון 1 ביז 2.50
אויף דער שוועל פֿון גליק
אין 3 אַקטען מיט 15 נומערן געזאַנג און טענץ פֿון זילבערג
נייע שעהנע טענץ אײַנשטודירט פֿון מיעטשיסלאַוו סורקאַוואַסקי
רעזשיסירט פֿון ל. ראַבינאָוויטש.
מאָרגען דינסטאַג ד. 15־טען 9 אָוונט
דער שלאַגער פֿון מאָריס שוואַרץ קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק
די מלחמה פֿאַר גאָט
פֿאָלקס־שטיק מיט געזאַנג אין 4 אַקטען מיט פּראָלאָג און עפּילאָג.
ספּעציעלע מוזיק געשריבען פֿון ל. זעלמאַן רעזשי מ. מאַכאַראָזסקי
1. אַקט: די אַפּיקורסישע זוימען פֿון נײַעם רב און ראש־ישיבה.
2. אַקט: די צושטערטע תנאים. 3. אַקט: דער קרבן פֿאַר קידוש השם.
4. אַקט: די מלחמה פֿאַר גאָט און די קבורה פֿון רב.
מיטוואָך ד. 16־טען 9 אָוונט צו פּאָפּולערע פּרייזען פֿון 1 ביז 2.50
צום 2־טען מאָל
חלומות פֿון ליבע
אָפּערעטע אין 3 אַקטען מיט 25 נומערן געזאַנג און טענץ פֿון ליליען
רעזשיסירט פֿון ל. ראַבינאָוויטש.
אין אַלע פּיעסען נעמען אנטייל לויט א. ב. פּ ר וי ע ן: בעזמאַן, באָריסאָווא, מ. קאַראָווסקאַ, נערה, פּאַדערמאַן, קאַמפּאַניעעץ. מ ע נ ע ר: צריפּעל, אײַזענבערג, באַלבירסקי, האַמבורגער, מאַכאַראָזווסקי, מאַטקאָוו, נײַהויז, פּאַלאַנסקי, ישראל קאַמפּאַניעעץ, ראַבינאָוויטש, ראַקאָוו.
אַדמיניסט.—מ. אַרנהאָלד. מוזיקאַלישע לייט. ל. זעלמאַן.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פֿון טעאַטער פּילהאַרמאָניע.
אַנאָנס!! אין פֿאָרבערייטונג
דער גאָלדענער סאָלדאַט, צוריק צו מײַן פֿאָלק

אַ וואוינונגס־קאָאָפּעראַטיוו אין אַנדזשעיעוו

פֿאַריגען זונטאָג איז אין אַנדזשעיעוו אונטערן פֿאָרזיץ פֿון ה׳ משה קראַם פֿאָרגעקומען די אַלגעמיינע פֿערזאַמלונג פֿון דער גמילות־חסדים־קאַסע. נאָכ׳ן אויסהערען דעם טעטיגקייטס און קאַסע־בעריכט ענטוויקעלט זיך אַ דיסקוסיע און די פֿערזאַמלונג דריקט אויס צופֿרידענהייט דער אַלטער פֿערוואַלטונג. עס ווערט דאַן אַרומגערעדט די פֿראַגע וועגען דער נויטיגקייט צו שאַפֿען אַ וואוינונגס־קאָאָפּעראַטיוו און אַ קאָנסום־געזעלשאַפֿט אין אַנדזשעיעוו. ס׳רעדען די ה״ה: האַמבורגער כהנא, באַאַמבערג, גוטמאַן, פּאַריזער, זוידענוואַזער און קראַם און עס ווערט בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו קאָמפּעטענטע כלל־טוער אין לאָדז אויפֿ׳ן קאָאָפּעראַטיווען געביט, בכדי די זאַך צו רעאַליזירען. צום סוף ווערט אויסגעוועהלט אַ נײַע פֿערוואַלטונג, וועלכע האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף פֿאָלגענדען אופֿן: פּרעזעס — חיים כהנא, וויצע־פּרעזעסען: משה קראַם און אליעזר גוטמאַן; קאַסירער — יחיאל זידענוואַזער, סעקרעטאַר עזור האַמבורגער, מאַטעל פּאַריזער, וואָלף טענצער, יוסף קופּערמאַן, שמשון רענער, חיים שיימסער.

הונדערטער ברויט צוגענומען בײַ בעקערס

און עס דראָהט זיי אַ שטראָף פֿון 10 טויזענד זל.

(:) צוליב די דערהאַלטענע ידיעות, אַז די בעקער האַלטען נישט אָפּ די פֿעראָרדנונג וועגען אויסבאַקען ברויט, האָבען עהרענצעלנע קאָמיסיעס פֿון דער שטאָט־סטאַראָסטווע דורכגעפֿיהרט לויז־רעוויזיעס אין אַ טייל בעקערייען. אין דער בעקערײַ פֿון די ברידער בעק אויף זשגאָווסקאַ 23 זענען געפֿונען געוואָרען 200 ברויט פֿון אונטערלייבטען מעהל. די ברויט זענען קאָנפֿיסקירט געוואָרען און איבערגעשיקט געוואָרען אין דער אָפּטיילונג פֿאַר געזעלשאַפֿטליכער אויפֿזיכט בײַם מאַגיסטראַט. אין דער בעקערײַ פֿון בראָנוסלאַוו פּאַלאַק וואָסאַקאַ 17 האָט מען געפֿונען 50 ברויט פֿון אונטערלייבטען מעהל. אַ לאַבעל ברויט בײַ בעקערס איז פֿערקויפֿט געוואָרען צו 1 זל. 10 גר. בעת דער פּרײַז פֿון אַ לאַבען ברויט איז איצט נאָר 90 גר.

די שולדיגע דראָהט אַ שטראָף פֿון 10 טויזענד זל.

—

נײַע פֿערוואַלטונג אין „בר כוכבא"

געוועהלט איז געוואָרען אויף אַ לעצטער פֿערזאַמלונג פֿון „בר כוכבא".

די פֿערזאַמלונג איז געפֿיהרט געוואָרען אונטער׳ן פֿאָרזיץ פֿון ד״ר שווייג. נאָך דעם טעטיגקייטס־בעריכט איז פֿאָרגעקומען אַ דיסקוסיע און עס איז געוועהלט געוואָרען אַ נײַע פֿערוואַלטונג, וועלכע בעשטעהט פֿון פֿאָלגענדע הערען: אברהם כהן, ישראל גרינוועג, שרה קאַרפּאָווסקאַ, ד״ר ראָמאַן מאַרקין, ד״ר לעאָן זילבערשטראָם, קאַנדידאַטען: אַראָלף אַקכענבערג, ישראל ראָזענבערג. רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: הלל שטראַהוואַס, א. קלייזמן, משה קאַרא. קאַנדידאַטען: הערש לאַבאַיעווצקי, טאַפּלאָווער. עהרען־געריכט: רעב. י. אונגער, ש. טויב און אַראָלף סעגאַל.

—0—

פֿערזאַמלונג פֿון יודישע און קריסטל. שטאָפּערינס

(ג) אין טעקסטיל־אַרבייטער־פֿעראיין איז פֿאָרגעקומען אַ פֿערזאַמלונג פֿון יודישע, פּוילישע און דײַטשע שטאָפּערינס וואָס זענען בעשעפֿטיגט אין דער לאָדזער טעקסטיל־אינדוסטריע.

עס איז בערוהרט געוואָרען די פֿראַגע וועגען דער נײַער הויז־אינדוסטריע פֿון שטאָפּער־פֿאַך, וואָס ענטשטעהט אין לאָדז. די פֿאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען ביז איצט בעשעפֿטיגט שטאָפּערינס בײַ זיך אין די פֿאַבריקען, געבען איצט די אַרבייט אַהיים צו די שטאָפּערינס, כדי אַזוי אַרום צו זײַן בעפֿרײַט פֿון אַ גאַנצער רייהע פֿליכטען... און שייכות דערמיט איז צונויפֿגערופֿען געוואָרען די פֿערזאַמלונג אין טעקסטיל־פֿעראיין, וועלכע האָט געהאַט דעם צוועק נישט צו בעקעמפֿען די נײַע הויז־אינדוסטריע, נאָר צו אָרגאַניזירען די אַרבייטערינס און אַזוי אַרום צו שיצען זייערע לעבענס־אינטערעסען.

אין לאָדז זענען פֿאַראַן העכער 2000 שטאָפּערינס.

—

די רינשטאָקען וועלען באַלד ווערען איבעריג

די גרויסע קאַנאַליזאַציע־סטאַציע אין לובלינעק ווערט בקרוב געלאָזט אין גאַנג

(:) ווי מיר דערוויסען זיך, וועט די קומענדיגע וואָך פֿערענדיגט ווערען דער מאָנטאַזש פֿון די מאַשינען אין דער סטאַציע פֿאַר רייניגען די אָפּפֿלוסען אין לובלינעק הינטער לאָדז, און וועלכער עס וועלען אָנגעשלאָסען ווערען די קאַנאַליזאַציע־קאַנאַלען. די דאָזיגע מאַשינען זענען דאָס לעצטע וואָרט פֿון דער קאַנאַליזאַציע־טעכניק. נאָכ׳ן פּראָבירען וועט די סטאַציע געלאָזען ווערען אין גאַנג, און עס וועלען אָנגעשלאָסען ווערען די גאַסען, אין וועלכע די קאַנאַליזאַציע איז שוין דורכגעפֿיהרט. יעצט וועט דאָס רינשטאָק־וואַסער פֿליסען דורך די קאַנאַלען אויף דער סטאַציע קיין לובלינעק.

לאדזער טאגעבלאט

די רעדאקציע נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אָווענד.
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57, אדמיניסטראציע 47.

הייסער פאליטישער סעזאן

דער פאליטישער סעזאן אין פוילען איז אין פולען ברען. סיי פוילענס אויסערן-פאליטיק, סיי די פאליטיק אין לאנד שטעהט פאר ערשט-קלאסיגע געשעהענישען און פראבלעמען.

די פראגע וועגען דייטשלאנד'ס רעפעראציע-חובות, וואס איז פערבונדען מיט דער עוואקואציע פון די אקופירטע דייטשע געביטען, נעהמט ארײַן אין אנ'אויסשטעהנדער פאזע. פוילען מוז ציהען דערפון די געהעריגע קאנסעקווענצען. אויב פראנקרייך וועט באמת עוואקואירען די רהיין-געביטען און דערנעהנטערן זיך צו דייטשלאנד, קען פוילען נישט טרייבען אנ'אנטי-דייטשע פאליטיק, ווי עס ווילען די ענדעקעס.

די קלוגע פוילישע פאליטיק בעשטעהט נישט אין האלטען זיך שטענדיג ביי איין קאנצעפציע, נאר צופאסען זיך צו די געענדערטע בעדינגונגען און נייע בעדינגונגען הינטערדשטעלונג.

די איצטיגע פערהעלטנישען אין אייראפא זענען אזעלכע, אז דייטשלאנד וועט ווערען צוריק א מעכטיגער פאקטאר אין דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק. דאס מוז זיין קלאר פאר אונזערע פאליטיקער.

דאס אויסערן-מיניסטעריום וועט אויך מוזען ענטפערן אויף דער דריטער סאוויעטישער נאטע וועגען בעשטעטיגונג כעפערואט דעם קעלאג-פאקט. אמת די איינציגע פון די סאוויעטען מיט זייער תשובה איז ... אויסגעלייגט עס העראשט לעת עתה נישט אין מזרח-אייראפא קיין ... מלחמה-סכנה, אז מ'זאל דארפען איבערגעבען א נאטע אזש 1 ביינאכט. אבער דערמיט ווערט די פוילישע דיפלאמאטיע נישט בעפרייט צו פערטראכטען זיך איבער רוסלאנד'ס פארשלאג און איהם מאכען אויספיטערן אזוי, אז א מלחמה-סכנה אין מזרח-אייראפא זאל בכלל זיין אויסגעשלאסען. אויב דאס וועט דערגרייכט ווערען, וועט פוילען מיט א רוהיגער געמיט קענען אויפנעמען די עוואקואציע פון די דייטשע געביטען. זייענדיג פערזיכערט פון מזרח-זייט, וועט די מורא פאר א דייטשע אגרעסיע בעדייטענד קלענער ווערען.

ניעס רוהיגער איז אבער ביילאדען דאס אינערליכע מלוכה-לעבען מיט איהרע פראבלעמען. דער סיים בעגייט שוין מארגען זיינע פלענארע זיצונגען. אויף דעם סיים וועט אריינגעטראגען ווערען א פראיעקט וועגען ענדערען די קאנסטיטוציע. דער דאזיגער פראיעקט וועט ענדליך עפענען די ... מיר וועלען דערזעהן, ווי מיר האלטען אין דער וועלט ... ביינציהונגען צווישען סיים און דער רעגירונג וועלען אין א ... מאס קלארער ווערען.

סיים וועלען מעהר נישט קענען פארקומען אזעלכע קריזיסען, ווי די ... מיניסטער סקלארקאווסקי פאר דער בורזשעס-קאמיסיע ... עס האט נעמיזט פערגלייכען דער פרעמיער בארטעל. אודאי ... נישט האבען אזא פאל, ווי דער דעקרעט וועגען ... דער סיים האט דעם פארגעלייגטען פראיעקט וועגען רע... די רעגירונג נישט אפגעווארפען, נאר אפגעלייגט ... דער דעקרעט ארויס איז סראפט דורך א ... פון מלוכה-פרעזידענט.

... מיר ווידער, מיר ברעטען ארײַן אין אנ'ענטשיידענדער פאזע פון ... מלוכה-לעבען. א סך רעטעניש'ן וועלען אויפגעקלערט ווערען, א סך ... וועלען קלאר ווערען.

דער איצטיגער פאליטישער סעזאן האט צו דעריבער צו זיין זעהר הייס, שטירמיש און ענטשיידענד.

בן-משה.

די אויספארשונג וועגען די רדיפות פון מאלער קאראטאנאוו

גענגען דער יודישער פאמיליע בערזאס

מאסקווא (יט"א) די אויפדעקונג פון די רדיפות, וואס דער בעוואוסטער ביסורער מאלער און קראסנאיארסקער געני זיין יודישען שכן בערזאס און זיין פאמיליע, האט ארויסגערופען א גרויסע סענסאציע. דער ענין איז אויסגעפארשט געווארען דורך א ספעציעלע קאמיסיע און איצט פערגעמט זיך מיט דער פראגע דער פראקוראר פון קראסנאיארסק.

די נאוואסיבירסקער צייטונג „סאוועטסקאיא סיביר" גיט איבער פרטים וועגען דער אקציע פון קאראטאנאוו'ס פריינד איהם ריינצווואשען פון דער שולד. אויף א פערזאמלונג פון דער נאוואסיבירסקער געזעלשאפט און קראסנאיארסק, איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, אז קאראטאנאוו האט זיך געפונען אין אנ'אונטערמאטיגטער אטמאספערע פון זיין פאמיליע. זיינע פריינד האבען איהם געפרובט איינמאל מאל בעפרייען פון דער דאזיגער אטמאספערע, וואס האט זיך אבער נישט איינגעגעבען. שולדיג איז די רדיפות, ווערט געזאגט אין דער רעזאלוציע, זענען קאראטאנאוו'ס טעכטער און זיין איידעם משה נאמארצעוו. אנ'ענליכע רעזאלוציע האט אויך צוגענומען די ארטיגע געזעלשאפט פון מאלער. דאנעגען אויף פערזאמלונגען פון ארבייטער איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, וואס פראטעסטירט שארף געגען די פערפאלגונגען געגען דער פאמיליע בערזאס און פאדערט שטרענג בעשטראפען קאראטאנאוו'ן, זיין טאכטער און איידעם.

...סטירט און איבערגעגעבען אין געריכט 13 אנטיסעמיטען פאר רופ'ן יודען

מאסקווא (יט"א) און בריאנסק זענען ארעסטירט געווארען 13 כוליגאנעס, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין רופ'ן דעם יודישען ארבייטער און וואַטשענקאַ-פאבריק, בערעלסאן.

צווישען די ארעסטירטע געפינט זיך דער חוֹפּשטאן פון דער טראנספארט-בריגאדע און דער פאבריק, אזארוו, וועלכער האט צוגעזעהן די פערפאלגונגען און נישט אנגענומען קיינע מיטלען צו פערטיידיגען דעם יודישען ארבייטער און דער פארזיצער פון פראפ. פערראיין פאוואלאשקין, צו וועמען בערעלסאן האט זיך פיל מאל געווענדעט נאך הילף, אבער אומזיסט.

די דערמאנטע ארעסטירטע ווי אויך 11 ארבייטער ווערען איבערגעגעבען דעם געריכט אלס קאנטר-רעוואלוציאנערען.

יודישע נייעס

די וואנדערונג דורך דעם דאנציגער פארט אין יאהר 1928.

דאנציג. (י. ט. א.) די דאנציגער פארט-פערוואלטונג האט פערעפענטליכט די סטאטיסטיק פון דער וואנדערונג דורך דעם דאנציגער פארט, פון די מזרח-אייראפעאישע לענדער אין די איינוואנדערונגס-לענדער און צוריק. ארויסגעוואנדערט פון דאנציג האבען 39,338 עמיגראנטען און צוריקגעקומען פון די איינוואנדערונגס-לענדער אין דאנציגער פארט זענען 4893 רעעמיגראנטען.

15,000 דאלאר פאר קולטור-געלע בעדערפענישען פון דער יודישער מינדערהייט אין לעטלאנד.

ריגע. (י. ט. א.) דער לעטלענדישער מיניסטערען-קאבינעט האט אסיגנירט 15,000 דאלאר פאר די קולטורעלע בעדערפענישען פון דער יודישער מינדערהייט אין לאנד: 6000 דאלאר פאר'ן יודישען טעאטער, 6000 דאלאר פאר די האנדווערקער-שולען און 8000 דאלאר פאר יודישע פעדאגאגישע קורסען.

פון דער שול-אויסשטעלונג.

די שול-אויסשטעלונג אויף זאגאניקאווא 54, איז ביז-איצט בעזוכט געווארען פון הנכער 10 טויזענד פערזאן. היינט 2 מיטאג וועט פארקומען א קאנצערט פון ארקעסטערען און שול-כארען. עס וועט אויפגעשפילט ווערען א סצענישע זאך, וואס עס האט אנגעשריבען א שילער און בעקומען א קאנקורס-פרעמיע פון שול-קוראטאריום.

ווען איהר געהט אריבער די גאס,
קוקט מיט אכטונג אויגען; איהר קענט בלייבען אנ'איינציגער קאליקע, אדער גאר געפינען דעם טויט.
היט זיך, מען זאל אייך נישט איבערפאהרען!

די איינזייטיגע שטעלונג פון דער פאלעסטינער רעגירונג צו יודען

פון לויטענאנט קאמאנדיר דזש. מ. קענוואורטי, דעפוטאט פון ענגלישען פארלאמענט

(געשריבען ספעציעל פאר דער יודישער טעלעגראפען אגענטור).

די איינזייטיגקייט ביים כותל מערבי, וואס זענען פארגעקומען אין הויז סעפטעמבער האבען ארויסגערופען א געפיהל פון אומרוה ביי אונז אין ענגלאנד און אין אנדערע לענדער צווישען יענע וואס זענען נישט קיין יודען, אבער וועלכע ווילען, אז די פונקטען פון דעם פאלעסטינא-מאנדאט זאלען פינקטליך דורכגעפיהרט ווערען. וועגען דעם, אז זיי האבען ארויסגערופען אומרוה און אויפרעגונג צווישען די יודען איבער דער גאנצער וועלט איז שוין אפגערעדט. די דאזיגע געפיהלען פון אומרוה וועלען נישט פערלייכטערט ווערען קיין סך אפילו נאכדעם ווי קאלאניעל-מיניסטער, דער ענגלישער קאלאניאל-מיניסטער, האט פערעפענטליכט דעם אפיציעלען „ווייסען בוך" וועגען די פאסירונגען ביים כותל מערבי.

דאס איז נישט דער איינציגער אינצידענט. איך וועל זיך בעמיהען צו ציינען, אז נישט-קוקענדיג דערויף, וואס פערינטווארטליכע בעאמטע פון קאלאניאלען ביורא אין לאנדאן פראטעסטירען, פונדעסטוועגען ווערט דורך א צאהל פערזאנען פון דער פאלעסטינער רעגירונג פראקטיצירט א היבש ביסעל פון דעם וואס קען אנגעוויזען ווערען אנטיסעמיטישער פאראורטייל. דאס קאלאניאלע ביורא האט ביז-איצט נישט געהאט דערווייל די מעגליכקייט צו פערהיטען, אז דער דאזיגער פאראורטייל זאל איינגאנצען בעזייטיגט ווערען.

איך וועל אנפאנגען מיט דעם הויפט-חסרון פון דער ענטשולדיגונג, וואס די רעגירונג גיט אן אין דעם „ווייסען בוך". עס ווערט דארט איינגאנצען נישט דערמאנט וועגען דעם, אז דער „סטאטוס-קוואָ" ביים כותל מערבי איז געבראכען געווארען דורך מוסולמאנישע בעאמטע, כאטש דער קאלאניאל-מיניסטער גופא האט עטליכע מאל אין ענגלישען פארלאמענט, אנטשפרעכענדיג די אנגעגעבענע פראגע, אנערקענט, אז מען האט מיט כעו פיל דערלויבט. עס ווערט אין „ווייסען בוך" אויסגעדריקט, די דערלויבענישען ווערען פערשפרייט אין ענגלישען פארלאמענט, אז די קלאגען פון די יודען וועגען פערהאנדלט ווערען. אין דעם „ווייסען בוך" ווערט אבער ווע-גען דעם גארנישט דערמאנט. די האנדלונגען פון די מוסולמענער ווערען נישט אנטשולדיגט, כאטש קאלאניאל אמערי רעדט איצט וועגען א „קליינער וואנט" וואס איז אויפגעבויט געווארען איבער דעם כותל מערבי אין זאנט, אז ער איז „נישט צופרידען" וואס דער „סטאטוס קוואָ" ווערט נישט אפגעהיט.

דער ענגלישער קאלאניאל-מיניסטער איז נישט אויסגעהאלטען מיט זיין תירוץ, אז ער מוז קריגען לעגאלע אינפארמאציעס. עס איז קלאר צו בעמערקען, אז עס איז נישטא קיין פראגע וועגען לעגאלע עדות די אנגעקלאגטע און בערעכען דעם „סטאטוס קוואָ". די פאליציי האנדעלט אין אזא פאל אויפ'ן פלאץ און טאקע גאנץ שטארק אויך. די רעגירונג אין פאלעסטינא זאגט אין דעם „ווייסען בוך", אז די בעזאמטונגען פון דער צייטווייליגער מחיצה איז געווען נויטיג אהן שום אפלייגונג, און כאטש זי בעדויערט די אומשטענדען אונטער וועלכע די דאזיגע בעזייטיגונג איז פארגעקומען, בערעכטיגט זי פונדעסטוועגען די האנדלונג פון דער פאליציי. עטליכע מאל ווערט אין „ווייסען בוך" אונטערשטראכען, אז דער „סטאטוס קוואָ" מוז אפגעהיט ווערען און אויף זייטעל פינף ווערט זאגאר געזאגט, אז עס דארף פראקטיצירט ווערען בילליגע ארגאניזירונג דארט וואו עס ווערט פעסטגעשטעלט, אז דער „סטאטוס קוואָ" איז געבראכען, און אז דער „סטאטוס קוואָ" איז פערלייכט די שטעלונג בנוגע די יודישע מת ללים.

אבער לאמיר א קוק טון און זעהן, וויאזוי א שטעלונג די פאלעסטינער רעגירונג האט בנוגע די מוסולמענער. דעם 12-טען נאוועמבער האב איך אין דעם ענגלישען פארלאמענט געשטעלט א פראגע צו דעם קאלאניאל-מיניסטער וועגען דער האנדלונג פון די מוסולמענער, וואס האבען איינגעריסען א וואנט איבער דער כותל מערבי. א שפעגעלדיגער מאדערנער בנין, וואס איז קיינמאל נישט געווען, איז אויפגעבויט געווארען אויף דער אלטער וואנט, וואס איז דער הייליגסטער פלאץ אין דער וועלט פאר אלע יודען. איך האב געפרעגט די דאזיגע פראגע אויף דער ערשטער זיצונג, נאכדעם ווי דער ענגלישער פארלאמענט האט זיך צוריק געעפענט. די פאקטען האבען געדארפט זיין בעוואוסט אין קאלאניאלען ביורא אומגעפעהר מיט א חודש צוריק. דער קארעספאנדענט פון דער לאנדאנער „טיימס" אין ירושלים האט וועגען דער פראוואקאציאנערער האנדלונג פון די מוסולמאנער, דעם דאזיגען בעריכט אין ערשינען אין לאנדאנער „טיימס" דעם 16-טען אקטאבער. אזוי ווייט ווי איך ווייס, זענען קיין שום שריט נישט אונטערגענומען געווארען דורך דעם קאלאניאלען ביורא, אדער דורך דער פאלעסטינער רעגירונג, ביז צו דער צייט ווען איך שטעל די דאזיגע שריט, צו פערהיטען פון דער דאזיגער ערנסטער האנדלונג, ווי עס איז געגען דעם „סטאטוס קוואָ" פיל מעהר ווי איינקלאפען א צייטווייליגע מחיצה ביים כותל מערבי.

און אזוי איז עס מיט די איבעריגע פאלען ווען דער „סטאטוס קוואָ" איז געבראכען געווארען. איך האב אויפמערקזאם געמאכט דעם קאלאניאל-מיניסטער אויף די פאלגענדע פאלען:

1) אז די מוסולמענער האבען איינגעשטעלט א הכנסת אורחים הויז בשכנות מיט דעם כותל מערבי, אויסער דעם וואס זיי פיהרען דארט אנ'אנדערע בויעטעקייטען.

2) אז דער מוסולמאנישער חזן ערשיינט אויף א דאך פון דעם הויז, וואס געפינט זיך אויף דעם דאך וואו דער ארון-קודש הערט אויסגעשטעלט אין טאג פון שבת אין פון די יום טובים. פון דעם דאזיגען דאך איז מוסולמאנישער חזן מתפלל פינף מאל א טאג לויט די מוסולמאנישע טראדיציעס.

דער קאלאניאל-סעקרעטער האט דערויף געענטפערט, אז ער ווייס נישט פון אזעלכע אינצידענטען, אז ער וועט ארום אויף וואטערדיגע בעריכטען וועגען דער דאזיגער פראגע, און אז, — נאטירליך, ער האט די פולסטע צוטרוי צו דער ענגלישען האי-קאמיסיאנער אין פאלעסטינא. אין דעם „ווייסען בוך" ווערט וועגען די דאזיגע אינצידענטען קיין ווארט נישט דערמאנט. נישט קוקענדיג דערויף, וואס לויט ווי איך בין א נפא-מירם זעהען אזעלכע האנדלונגען נישט ערלויבט געווארען אפילו אונטער דעם טערקישען רעזשים. אויב דער „סטאטוס קוואָ" דארף אפגעהיט ווערען, מוז ער אפגעהיט ווערען פון ביידע צדדים.

א מוסולמאנישען אגיטאטאר פון איטאליען, מאחמעד אלי, איז איצט ערלויבט געווארען אריינצוקומען קיין פאלעסטינא, נאכדעם ווי מען האט איהם שוין איינמאל ענטזאגט אריינצוקומען. ער פיהרט איצט א שטארקע אגיטאציע געגען דער ענגלישער רעגירונג אין פאלעסטינא דערצאר, וואס זי פיהרט דורך דעם פאלעסטינא'ר מאנדאט און אויך דערפאר, וואס זי גיט א מעגליכקייט אויפצובויען די יודישע נאציאנאלע היים אין איינקלאנג מיט דעם מאנדאט. ער אטאקירט אויך די גאנצע ציוניסטישע בעוועגונג. פערוואס האט מען דעם דאזיגען מוסולמאנער פון אינדיען ערלויבט צוצופיהרען אזא קאמפיין אונטער דער סאמע נאז פון דער ענגלישער אדמיניסטראציע. וואס וואלט געווען, ווען א יוד פון אינדיען קומט קיין פאלעסטינא און פאנגט אן אנ'אגיטאציע געגען די מוסולמאנער. איך נעם זיך אונטער צו זאגען, אז מען וואלט מיט איהם קיין לאנגע שהיות נישט געמאכט און מען וואלט איהם ארויסגעפאקט פון לאנד אפילו אויב מען זאל איהם האבען געגעבען אנ'ערלויבעניש ארייצוקומען. די דאזיגע עפיזאדען צייגען בלויז ווי דער ווינט בלאזט.

(ענדע מארגען).

בערנארד באראן

דער בריסקער יוד, וועלכער איז געווארען איינער פון די גרעסטע מיליאנערען אין ענגלאנד און זוכט נישט אנדערש ווי „פטור" ווערען פון זיין פערמעגען

פון **וויליאם צוקערמאן**

מיטא קורצער צייט צוריק האט א גרויסע ענגלישע צייטונג געמאכט אנ'אנקעטע ביי אויהרע לעזער, ווער עס זענען די צוועלף בערוהמטעסטע מענשען אין ענגלאנד און די גרעסטע צאהל האט אין דער ליסטע ארייגעקריגען רעם נאמען פון בערנארד באראן. צווישען די אלע גרויסע שטאטסמענער, לארדען, באראנען, כלל-טוער און סתם ענגלישע בערוהמטקייטען האט פיגורירט אויך דער יוד, וועלכער איז אין ענגלאנד גאר נישט געבוירען געווארען און איז גאר קיין ענגלענדער נישט. ביים פשוט'ן ענגלישען צייטונגס-לעזער איז בערנארד באראן מעהר פאפולער ווי פילע גרויסע ענגלענדער מיט וועלט-רעפוטאציעס און מיט גרויסע פערדינסטען פאר'ן לאנד און פאר דער וועלט. זיין נאמען ווערט אפטער דערמאנט ווי דער פרעסע און וועגען זיינע מעשים ווערט מעהר גערעדט ווי וועגען וועלכען עס איז אנדער מענשען.

דערביי דארף מען גוט פערגעסען, אז ענגלענדער זענען נישט גרונג אויף לויב. טאלק סאלק זענען זיי נישט קיין העלדען פערעהרער.

ווי אזוי איז געשעהן דער וואונדער פון בערנארד באראן'ס געוואלדיגער פאפולאריטעט אין ענגלאנד? איין אורזאך איז אפשר די וואלטיגקייטע, איז זיין גרויס רייכטום. בערנארד באראן איז יעצט איינער פון די רייכסטע מענשען אין ענגלאנד. זיין פערמעגען ווערט פערשאצט געשעצט, נאר אפילו די קאנסערוואטיווסטע אפשאצונג שטעלט איהם ארויס אלס א מולטי-מיליאנער, מיט וועמען עס קענען זיך פערגלייכען און ענגלאנד בלויז דריי-פיער מענשען. אלס פערמעגענדער, וועלכער איז אויצט אפשר דער גרעסטער אונטערנעמער אין ענגלאנד, איז, נים קוקענדיג אויף זיינע אונגעהויערע רייכטום געשעפטען, נישט אזוי רייך. ווי דער רוסישער יוד, וועלכער איז נאך קיין פינף און צוואנציג יאהר נישט אין ענגלאנד.

פונדעסטוועגען וואלט געלד אליין איהם נישט פערשאפט דעם נאמען, וואס ער האט איצט אין ענגלאנד. ענגלאנד איז פול מיט רייכע מענשען און אויסלענדער טוען עס אויך. ווייל מען האט זיי נישט גערן. רייכע מענשען מעגען זיין ווי רייך, נאר בלויז די רייכע פון דעם לאנד וואס זענען אין ענגלאנד פון יאהרען-לאנג. עס וועט נישט פיל זיין צו פערגלייכען אונטער די פיעל ענגלענדער, וועלכע האבען קאפיטאל אין די אנדערע... אבער אויך ענגלאנד. נאר, ווי גיזאגט, עס איז דאס גרויסע מולטי-מיליאנער, מיט... מענשען, ענגלאנד, א רייכער לאנד. ווער קען ענגלענדער אונטערשיידען אנטשיידען. ווען זיי וועלען אזא רייך אבער אונטער דער ענגלישען לאנד, קען מען גענוג אפקלעקען פון ענגלענדער. בערנארד באראן האט גענומען קיינע קינדער. אין ענגלאנד ווערט איהם געגעבען אין טיטעל דערפון.

ווענען דעם ווערט און ערגעץ נישט דערמאנט. פון דעם נאנצען באראן צייטונגס-מאטעריאל, וועלכען מען האט מיר געגעבען און מר. באראן'ס ביורא, וועגען איהם, איז וועגען פריהערדיגע יאהרען פון זיין לעבען קיין ווארט נישט דערמאנט.

עס איז דא א פערראָט, אז דער אלטער יודישער מיליאנער איז נישט אויבעריג שטאלץ מיט זיין יודישער אפשטאמונג און דערום פערשווייגט ער עס. אויף ווי ווייט דאס איז אמת ווייס איך נישט. און זאג ווייס איך יא: אז קיין יודישער קארעספאנדענט וועלכער וואלט איהם געקענט פרעגען וועלכע עס איז פראגען וועגען זיין פריהערן לעבען, קען זיך צו איהם פאר א געשפרעך נים דערשלאגען. ענגלישע צייטונגס-לייט געפינען ער נאך אויף, נישט קוקענדיג אויף זיין שווערען עלטער. יודישע צייטונגען ער זוכט נישט פאר אוהם. און ווען מען וועט זיך צו אוהם מיט א בוטען פאר א געשפרעך, ווערט מען שטענדיג אפגעזאגט. אלעס וואס מען קען דערום דערצעהלען וועגען זיין לעבען קומט אוים צוזאמענצושטעלען פון שמועסער צעווארפענע אינפארמאציעס, פון געשפרעכען מיט זיינע פריינד און מענשען, וועלכע געקענט אוהם נאך ווען ער איז נישט געווען אזא בערוהמטהייט.

בערנארד באראן איז א געבוירענער פון בריסק-ליטאווסק (בריסק דליטא) אם דעם פאקט האב איך יעצט מיט זיכערקייט פעסטגעשטעלט פון רעליגיעזע קוועלען. ביז איצט איז דער אלגעמיינער אייגנער געווען, אז ער קומט פון סוחר-פאמיל, אבער דאס איז נישט רוכטונג. ער איז געבוירען געווארען מיט 78 יאהר צוריק און דער גרויסער יודישער שטאט פון ליטא. דער פאטער זיינער איז געווען א נאקלאפיעווסקער סאלדאט און האט געהאט וואוינרעכט אין גאנץ רוסלאנד. די פאמיליע האט דערום שפעטער זיך איבערגעקליבען קיין ראסטאוו אויפ'ן דאן, א קאזאקע שטאט וואו עס האט אין יענער צייט גארנישט עקזיסטירט קיין יודיש לעבען. דער יונגער באראן...

... ווענן בערנארד באראן'ס לעבען און געשעפט נים גרינג צו שרייבען. כאטש עס זענען שוין וועגען איהם אנגעשריבען געווארען גאנצע בערג מיט צייטונגס-ארטיקלען, אינטערוויוען און געשפרעכען, איז אבער קיין איין ביאגראפיע פון זיין לעבען נישטא. עס פעהלען אפילו די פונדאמענטאלסטע פאקטען וועגען זיין לעבען, ספעציעל וועגען זיין קינדהייט און די יאהרען, וועלכע ער האט פערבראכט אין רוסלאנד. אלע ארטיקלען וועגען איהם דערצעהלען וועגען זיין וואונדערליכער קאריערע אין ענגלאנד און דאס מיינט דאן ווען בערנארד באראן איז שוין געווען און זיינע 50-ער יאהרען. וואס איז וועגען זיין אונגעהויער אונטערנעמונגען לעבען ביז דאן? ווי אזוי האט דער ראזינער מענש געלעבט און געלעבט ביז ער איז געווארען א מיליאנער און א בערוהמטהייט?

(ענדע זעה 5 זייט)

א. א. גרוזענבערג וועגען ניקאלאי ניקאלאיעוויטש

בעריהמטער יודישער אדוואקאט גיט איבער סענסאציאנעלע איינצעלהייטען וועגען דעם צורר היהודים ניקאלאי ניקאלאיעוויטש און זיין טרויעריגע ראלע, וואס ער האט געשפילט אין דעם וועלט-חורבן

(א בריף פון ריגא, ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט") — פון **מ. גערץ.**

א. א. גרוזענבערג איז, ווי בעקאנט, אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה געשטאנען די גאנצע צייט אויף דער וואך צו בעשיצען די אומצעהליגע עדות יודען געגען די שפיאנאזש-בלבולים און אנדערע פורעניות'ן, וואס האבען זיך אויף יודען געשאטען מיט א בייזער האנט. אונטער'ן דונער פון די כלי משחית, האט דער יודישער פערטיידיגער זיך געטראגען פון איין שטעטל צו דער אנדערער, פון איין יודישען ישוב צום צווייטען, פון פראנט צו פראנט, צו בעשירעמען די שוצלאזע יודען, די הפקר'דיגע קהלות.

גרוזענבערג האט א כך צו דערצעהלען פון די מעשים תעתועים פון ניקאלאי ניקאלאיעוויטש. גרוזענבערג האט זיך בעטראפען פנים אל פנים מיט דעם בלוטיג-אויסגעשטרעקטען ארעם פון צורר היהודים, וואס האט געבראכט חורבן און פערוויסטונג, וואס האט פערגאסען אומשולדיג בלוט און טרעהרען פון זקנים און זקנה'טעס און עופה'לעך...

די צייט פון ניקאלאי ניקאלאיעוויטש'ס הערשאפט אלס הויפט-קאמאנדיר איז א מגילה פון יודישע טרעהרען און פיין. דער דאזיגער כוס הדמעות איז פערגאסען איבער יודישע שטעט און שטעטלעך פון אמאליגען גרויסען רוסלאנד און ווארט נאך אויף די געטריישע האנט, וועלכע זאל עס צונויפזאמלען.

איינציגע בלעטלעך פאר דער צוקונפטיגער בלוט-מגילה פערשרייבט איצט דער יודישער פערטיידיגער גרוזענבערג.

גרוזענבערג גילט אין דער גאנצער וועלט אלס פערטיידיגער, וועלכער האט תמיד אין אלע צייטען און ביי אלע שווערסטע אומשטענדען געפינען א זכות פאר'ן בעשולדיגטען. הייניגעס מאל האב איך צום ערשטען מאל דערזעהן דעם יודישען פערטיידיגער אין דער ראל פון א פראקוראר... גרוזענבערג פערגעסט זיך בעת ער כאראקטעריזירט דעם געוועזענעם רוסישען פיהרער ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, אז ער דערצעהלט, און אז אימיצער פערשרייבט עס. ער פערגעסט זיך, ווערט מיטגעריסען פון זיינע רייד און ער האלט א בעשולדיגונגס-רעדע, וועלכע איז מעכטיג און שטארק, ווי די פערטיידיגונגס-רעדעס, וועלכע נעהמען ארויס פון יודישען סניגורס מויל.

* * *

א. א. גרוזענבערג זאגט: ניקאלאי ניקאלאיעוויטש איז געווען א פוסטע, הגם פאר'ן אויג, קאמפליצירטע נאטור. מען זאגט, אז ניקאלאי ניקאלאיעוויטש האט פערמאגט א שטארקע ווילענס-קראפט. אויף וואס איז דאס בעגרינדעט?

אן חקירות ודרישות, נישט אין נארנישט פונאנדערקלערענדיג זיך, האט ער נעשאסען, געהאנגען.

די הורא-פאטריאטישע סעדערען האבען אין דער צייט פון ניקאלאי ניקאלאיעוויטש'עס מלחמה-פיהרערשאפט געשריבען, אז ער איז א העלדישער מענש.

אין וואס איז בעשטאנען זיין העלדישקייט?

ער האט העלדיש געסאדערט פון די גאליציאנישע יודען, אז זיי זאלען אריבער אויף דער רוסישער אריענטירונג, און בוגד זיין אין זייער מלוכה.

ווען דער אומגליקליכער גאליציאנער יוד.

גלטע לייט, ווייבער, קינדער, זיידעס און עופה'לעך, זענען ארייגעפאלען אין זיינע פייערן, האט ער העלדיש געגעבען דערלויבניש די קאזאקען צו טון מיט יודען, וואס זיי ווילען.

האט מען געטון, וואס מען האט געוואלט... פערברענט ישובים, פון בתי-מדרשים און שולען האט מען געמאכט פערד-שטאלען, געריסען און געשענדעט ספרי תורות, געווארפען יודישע קליינינקע אין אפטריטען און מיסט, פערגוואלטיגט יודישע טעכטער פאר די אויגען פון זייערע מוטער'ס, מאנס געזען בעפעס פאר די אויגען פון די קינדער.

ניקאלאי ניקאלאיעוויטש איז בערימט געווארען מיט זיין העלדישער

גבורה ארויסצושיקען יודישע איינוואוינער פון פראנט-פאס,

וועלכע האבען געדארפט, לויט זיין מיינונג זיין בוגדים. זיין פסיכאלאגיע איז אין יענעם פאל געווען גאנץ סוביעקטיוו. זיין שטייגער הערשאפט, דער אופן פון זיינע מעשים ווייזען, אז ווען ער וואלט געווען א יוד, וואלט ער געמוזט זיין א בוגד... איבערלעבענדיג דאס, וואס יודען האבען איבערגעלעבט און נישט זיין קיין בוגדים, — האט ער זיך נישט געקאנט פארשטעלען...

א הייפעל נידריגע ברואים, וועלכע האבען ליב רוסלאנד ווי א פעטען ביסען, ווי שטארקע משקה, ווי זייערע פלגשים, האבען בשום אופן נישט געקאנט פערגעסען די אמאליגע רוסלאנד און איהר העלדישען אימפעראטאר.

א. ניקאלאי ניקאלאיעוויטש איז אין דעם זין געווען זעהר בעשיידען:

— ניין, איך בין נישט קיין אימפעראטאר, איך בין בלויז א פיהרער.

וואוהין האט ער געפיהרט, וועמען האט ער געפיהרט, ווי האט ער געפיהרט?

יא, ער האט באמת געפיהרט. ער האט געפיהרט פאר'ן נאז.

ער איז זיך בעגאנגען מערדעריש, ווילד, נישט נאר מיט יודען, נאר אויך מיט דייטשען, וועלכע האבען געלעבט אין רוסלאנד דורות-לאנג, וועלכע זענען געווען אינגאנצען רוסיפיצירט, און וועלכע האבען פערנומען הויכע פאסטענס.

מיט אנ'אונמענשליכער אכזריות האט ער ארויסגעשיקט זקנים און עופה'לעך אין די טיפסטע געגענטען פון סיביר. דער קלענסטער פרוב פון ערליכע מענשען זיך אנצונעמען זייער קריוודע — האט מען אנערקענט פאר מלוכה-בגידה.

איך געדענק, — דערצעהלט א. א. גרוזענבערג, — ווי אויף מיין דאטשע ביי פעטערבורג האט געארבייט א דייטש זיבענראק, א מענש, א פעהיגער, אנ'ארבייטסזאמער. פלוצלינג האט מען איהם אינמיטען דער נאכט ארעסטירט און פערשיקט אין סיביר, וואו ער איז געשטארבען פון הונגער. צו מיר איז אנגעקומען איינער פון זיינע בריף, וואו ער האט מיר געבעטען עפעס איהם שיקען אויף דעם חשבון פון זיין צוקונפטיגער ארבייט. איך האב, נאטירליך, זיין בקשה דערפילט. איך האב דערנאך געדארפט איבערלעבען א סך אומאנגענעמליכקייטען און ווען נישט מיין תקיפ'ע לאגע אין דער יורידישער וועלט אין פעטערבורג, וואלט איך בלי-ספק אויך אנגעשפארט אין יענע מקומות.

עטליכע אויבענאויפיגע שטריכען וועגען דער ראל פון דעם פיהרער אין דער געשיכטע פון רוסלאנד אין די לעצטע יאהרען.

ווען אונטער'ן דרוק פון דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג אין יאהר 1905

איז די רעגירונג געקומען צום בעוואוסטזיין, אז דער איינציגער אויסוועג פון דער לאגע איז נאר א פארלאמענטארישע ארדנונג, איז ניקאלאי ניקאלאיעוויטש דעמאלט געווען פון די בעגייסטערטע חסידים פון דעם דאזיגען פלאן. איידער ער איז געקומען צום צאר, האט ער באמת טאקע ערקלערט איינעגע פערזאמעלטע אין קייזערליכען פאלאץ:

— „באלד וועל איך קניען פאר'ן צאר און איהם בעטען, ער זאל בעשטעטיגען וויטעס בעריכט וועגען א פארלאמענט אין רוסלאנד. איך וועל אויף די קניע מתפלל זיין פאר'ן צאר, ער זאל עס בעשטעטיגען. אויב דער צאר וועט נישט מסכים זיין, וועל איך זיך דערשיסען אין זיין קאבינעט". און תיכף האט ער ארויסגענומען דעם רעוואלווער און געוויזען בעשיינפערליך, ווי ער וועט עס טון.

און געלויבט השי"ת! ניקאלאי ניקאלאיעוויטש'ס ווערטפולער לעבען איז געבליבען גאנץ — דער צאר האט בעשטעטיגט דעם ראפארט פון וויטע...

עס זענען נישט אריבער קיין דריי וואכען, ווי ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, זעהענדיג, אז אין די רעכטע קרייזען שאפט זיך א שטימונג געגען די רעפארמ'ס, געגען פארלאמענט, און ער שטעלט זיך תיכף בראש פון די נישט צופרידענע.

ווי איהר זעהט, איז די שטארקייט פון זיין כאראקטער באמת געווען אויסערגעוועהנליך!

דער דייטשער רעפארמאטאר לוטער האט געזאגט „היר שטיי איך, און איך קאן ניכט אנדערס", און דער רוסישער גרויספירשט האט אביסעל איבערגעאנדער'שט די פארמול און געזאגט: „היר שטיי איך, איך קאן אבער אויך אנדערס"...

און ער האט טאקע באמת קיינמאל נישט געהאלטען פאר קיין חוב דעם נעכטיגען טאג, אויב ער האט בעמערקט, אז די אידעען פון נעכטיגען טאג זענען נישט גענוג פאפולער.

ניקאלאי ניקאלאיעוויטש איז דער הויפט-שולדיגער פון דער בלוטיגער וועלט-באד.

זעלטען ווער עס ווייס פאלגענדיגען היסטארישען פאקט: ווען דער בעשלוס וועגען דער מלחמה ביים רוסישען הויף איז שוין געווען א געשעהענער פאקט, ווען דער צאר האט אונטערן דרוק פון סאזאנאוו'ן און גרויס-פירשט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש אפגעגעבען א פעראָרדנונג וועגען א מאביליזאציע, האט ער פונדעסטוועגען אין עטליכע שעה ארום זיך בעזונען און בעפוילען נישט צו געבען קיין גאנג זיין אונטערגעשריבענעם בעפעהל. תיכף האט דער צאר טעלעגראפיש געגעבען א פעראָרדנונג אפצורופען די גזירה און דא איז בולט געקומען צום אויסדרוק די קדושה פון „ווילען פון מאנארך". האלטענדיג פאר זיך אויפ'ן טיש דעם אלערהעכסטען בעפעהל וועגען דער אלגעמיינער מאביליזאציע, האט גענעראל יאנושקעוויטש, וועלכער איז געווען דער נאחענטסטער פריינט און נאהענטסטער מיטהעלפער פון ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, ערקלערט, אז ליידער קען מען דעם בעפעהל נישט אפרופען, ווייל ער איז שוין אפגעשיקט געווארען...

און אויף אזא אופן האט די אפגערופענע מלחמה, א דאנק די דרייסטע פיהרער, וועלכע זענען געווען זיכער מיט א זיג איבער דייטשלאנד, געבראכט טויט און פערוויסטונג מיליאנען מענשען און מדינות.

ניקאלאי ניקאלאיעוויטש איז געווארען דער הויפט-קאמאנדיר פון דער ארמעע. ער האט, פערשטעהט זיך, מקרב געווען דעם גענעראל יאנושקעוויטש'ן און איהם בעשטימט פאר'ן שעף פון זיין שטאב. פאקטיש איז געלעגען דער גורל פון דער גאנצער מיליטער און ציווילער בעפעלקערונג אין זיין האנט.

ווי די מלחמה האט זיך אפגערופען אויף אונז, יודען,

איז דאך ביי אלעמען פריש אין זכרון. רציחות, הריגות און בלבולים, אז יודען זענען בוגדים, אז יודען זענען שפיאנען. איך געדענק די יאהרען פון ניקאלאי ניקאלאיעוויטש'עס הויפט-קאמאנדירען.

איך געדענק די טרעהרען פון טויזענדער משפחות, וועלכע פלעגען קומען טעגליך מיט דעלעגאציעס אין פעטערבורג און אפקלאפען די טירען פון די מיניסטארען און די דעפוטאטען אין דער דומע, זיך משתף זיין און אויפצווייזען, אז יודען זענען נישט קיין בוגדים. און אין פועל-יוצא זענען מיר דערגאנגען צו אזא בזיון, אז אין פעטערבורגער הויפט-סינאגאגע זענען געקומען אפיצירען פון „קאנטער-ראזוועדקע" און געמאכט אונטערזוכונגען נישט נאר אינעווייניג אין שול, נאר אפילו אויפ'ן גאס, לויט זייערע ידיעות, גיבען יודען איבער טעלעגראפיש מלחמה-סודות די שונאים...

אויב אזוינס האט געקאנט פארקומען אין פעטערבורג, איז זיך לייכט פארצושטעלען, וואס עס איז פארגעקומען אין דער פראווינץ, וואו עס האבען געפעלט מענשען, תקיפ'ע מענשען, וועלכע זאלען קענען מיט עפעס בעשירמען די גערודפטע און געפלאגטע.

ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, וועגען וועלכען מען רעדט, ווי וועגען א העלד,

האט זיך אויסגעלאכט און חוזק געמאכט פון די עלעמענטארסטע בעגריפען וועגען רעכט און משפט —

פון געריכט די ריכטער האבען זיך פערוואנדעלט אין אונטערטעניגע, וועלכע דארפען דערפילען זיין רצון. אין צוזאמענהאנג מיט דעם ענין פון פאלקאווניק מיאסאיעדאוו, זענען צום פעלד-געריכט צוגעצויגען געווארען א סך מענשען, צווישען זיי א דייטש, דער געוועזענער אויספארשונגס-ריכטער. ער איז אויך געווען פראקוראר און לסוף א הויכער בעאמטער אין אינערן-מיניסטעריום, אטא פריינאט.

צווישען די בעשולדיגטע זענען אויך געווען צוויי יודען.

די ברידער פריידבערג פון ליבוי. דער פעלד-געריכט האט בעפרייט איינעם פון די ברידער פריידבערג און דעם דייטש פריינאט. דער פראקוראר פון פעלד-געריכט האט פולשטענדיג מסכים געווען מיט'ן פסק-דין און דער אורטייל אין קראפט. דעמאלט האט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש צוליב פערזענליכע ביציעס מיט חוזק אפגערופען דעם פסק-דין, וואס איז אין פולע סתירה צו אלע עקסיסטירענדיגע געריכטס-געזעצע, אפילו ביי ניט-ציוויליזירטע פעלקער, און געהייסען ווייטער איבערקוקען דעם ענין און זיך דערשלאגען, אז ביידע פריידבערגס זאלען אויפגעהאנגען ווערען און פריינאט זאל פערארטיילט ווערען צו 10 יאהר קאטארגע, הגם ביידע זענען געווען אומשולדיג.

די מאנארכיסטען, וועלכע לעבען אין עמיגראציע, האבען, משמעות, קיין טעות נישט געהאט, אויסקלייבענדיג ניקאלאי ניקאלאיעוויטש'ן אלס צוקונפטיגען מאנארכען. קיינער, ווי ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, וואלט נישט געווען אזוי נידעריג אויף אויסצופיהרען די צוקונפטיגע בלוטיגע נקמה אין רוסלאנד.

איך געדענק, ווען פולשטענדיג פערמאטערט און צובראכען פון די שפיאנאזש-בלבולים אויף יודען, וועלכע האבען זיך פונאנדערגעגאסען, ווי א בייזע כוואליע איבער אלע יודישע ישובים — ווען איך האב זיך געווענדעט צום הויפט-פראקוראר גענעראל-לייטענאנט מאקארענקא, וועלכער האט זיך בעצויגען מיט צוטרוי צו מיינע השתדלות'ן, ווען איך האב פאר איהם דעמאנסטרירט עטליכע בלבולים-ענינים אויפ'ן פראנט, פארוואס עס זענען אומגעקומען א סך אומשולדיגע לעבענס, און איהם געבעטען זיך אננעמען, — האט ער יאושדיג א מאך געטון מיט דער האנד:

— וואס קען מען זיך העלפען, וואס קען מען טון?! צי דען פערשטעהט איהר נישט, אז די הערן, וועמען עס האט זיך פערוואלט די מלחמה, זעהן, אז די מלחמה איז פערלוירען און אז דער טאג פון נקמה איז נישט ווייט, בעמיהען זיי זיך, די הערן, זייער שווערע שולד, שוין רעכטצייטיג ארויפווארפען אויף א שטענדיגען שעיר לעזאזאל—אויף יודען. נישקשה, קיינער וועט זיך פאר זיי נישט אננעמען!...

אחרי מות קדושים אמר,—פאר'ן טויט, פאר'ן קבר הערט אויף די שנאה. יודען, מעהר ווי אלע פעלקער, זענען בעקאנט פאר „בני רחמנים", פאר קענען דערשטיקען זייערע בזיונות, מוחל זיין זייערע שונאים. עס זענען אבער דא מענשען, וועמענס מעשים גאט אליין אפילו קען נישט צווינגען צו פערגעסען!

דאס בית המקדש פון הורדוס מלך יהודה

אין דער געביידע פון דער „ישיבת חכמי לובלין"

די נייע, מערקווירדיגע ישיבה אין לובלין, — ווי אזוי איז געבויט געווארען די געביידע און ווי אזוי זי איז געווארען איינגעארדענט. — דער לאדזער יודישער קינסטלער, וועלכער האט אויסגעפיהרט דעם בית המקדש אין מיניאטור

(אויספיהרליכער בעריכט פון דער יודישער זשורנאליסטען-עקסקורסיע אין לובלין)

ווי מיר האבען שוין נעכטען געמאלדען איז אויף דער איינלאדונג פון צענטראלען בוי-קאמיטעט פון דער ישיבת חכמי לובלין דעם פאריגען דאנערשטאג געקומען א רייהע פערשטעהער פון יודישע צייטונגען אין פוילען און אויסלאנד כדי צו בעקענען זיך מיט דער געביידע און פלענער פון דער לובלינער ישיבה — די גרעסטע ישיבה אין דער וועלט.

די עקסקורסיע איז פון ווארשא אפגעפיהרט געווארען דורכ'ן מיטארבייטער פון „יוד" ה' מארק. עטליכע קופעען פון צווייטער קלאס זענען דורך דער ווארשאווער באהן-דירעקציע ספעציעל רעזערווירט געווארען פאר די עקסקורסאנטען. אויף די קופעען זענען געהאנגען אויפשריפטען „עקסקורסיע פון פערשטעהער פון דער יודישער פרעסע".

ביי דער באהן

זענען די געסט ערווארטעט געווארען דורך פערשטעהער פון בוי-קאמיטעט מיט'ן ה' מ. אייזענבערג בראש. די געסט זענען אויף טאקסיס און שליטענס גלייך פון באהן אראפ, געפאהרען אויף לובארטאווסקי צו דער ישיבה.

ביי דער ישיבה

האט זיך פארזאמעלט א גרויסער עולם, מעהרסטענטייל ארטאדאקסישע יודען, וועלכע האבען זיך מיט די עלענבויגענס געמאכט פלאץ אנצוקוקען די „רביים" פון דער יודישער פרעסע.

ביים איינגאנג אין ישיבה-הויף האט דער פאטאגראפיסט ה' פונק געפרובט מאכען א אויפנאמע, וואס עס איז איהם זעהר שווער אנגעקומען, ווייל דער עולם האט זיך געשטויסען פאראויס, כדי פאטאגראפירט צו ווערען.

ביי דער שוועל פון דער ישיבה האט די געסט בעגעגענט דער פיעטערקאווער רב,

הרב ר' מאיר שפירא

וועלכער איז ספעציעל געקומען קיין לובלין. הרב שפירא האט אין א קורצער רעדע בעגריסט די געסט, אלס די פערשטעהער און פיהרער פון דער עפענטליכער מיינונג, פאר וועלכע די טויערען פון דער ישיבה זענען אפען און פריי. „קומט אריין, קוקט און זעהט דעם הייליגען בנין, וואס מיר בויען און בעקאנט אייך מיט אונזער ארבייט, פלענער און צילען. מיר וועלען גערן אויסהערען אייערע בעמערקונגען און קריטיק אין דער האפנונג, אז איהר וועט אונז מיטהעלפען אין דער גרויסער ארבייט אונזערער, זייט בעגריסט, ברוכים הבאים בשם ד'.

הרב שפירא און דער לובלינער ראטמאן אייזענבערג האבען ארומגעפיהרט די געסט איבער דער גאנצער געביידע און געגעבען גענויע אויפקלערונגען וועגען יעדען שטאק און צימער.

די געביידע

איז שוין כמעט ווי פערענדיגט. ווי הרב שפירא פערזיכערט וועט די געביידע שוין פולשטענדיג אינערליך און אויסערליך זיין פערטיג אויף פסח.

די געביידע בעשטעהט פון 6 שטאק. דער פלאן איז פאלגענדער: אין קעלער וועט זיך געפינען די קיך, שפייזע-זאל און באד-אנשטאלט ווי א מקוה, וואננעס און א פראלניע.

די למודים און תלמידים

אין פארטער וועלען זיך געפינען די צימערען פאר די למדנים. די ישיבה וועט געעפענט ווערען מיט איין קלאס פון 120 שילער און יעדעס יאהר וועט צוקומען נאך איין קלאס. דאס דורכמאכען די למודים אין דער ישיבה וועט דויער'ן 5 יאהר. אין דער ישיבה וועלען אנגענומען ווערען נאר בחורים מיט בעזונדערע קוואליפיקאציעס. מינימום וועט אזא שילער מוזען קאנען 200 בלאט גמרא מיט תוספות פון אויסענווייניג.

אויפ'ן ערשטען שטאק וועט זיך געפינען דער אלגעמיינער שיעור-זאל, וואו עס וועט געלערנט ווערען דער דף יומי. רעכטס פון דאזיגען זאל וועט זיך געפינען די געביידע פון בית המקדש אין מיניאטור. (וועגען בית המקדש שרייבען מיר בעזונדער) דאס אויפבויען דעם בית המקדש אין מיניאטור וועט פון איין זייט האבען א מוזעאום-בעדייטונג און פון דער צווייטער זייט וועט פאר די תלמידים זיין פיל לייכטער צו פערשטעהן געוויסע למודים ווען זיי וועלען האבען פאר די אויגען דאס בילד פון בית המקדש. לינקס פון גרויסען זאל וועט זיך געפינען

די ביבליאטעק,

פאר וועלכער עס זענען שוין געזאמעלט געווארען העכער 10 טויזענד ספרים. טאג-טעגליך ברענגט די פאסט פעקלעך ספרים, וועלכע ווערען צוגעשיקט פון אלע עקען וועלט.

די איבריגע שטאקען וועלען זיין פערנומען פון אינטערנאט, וואו עס וועלען וואוינען די תלמידים. קיין שום פריוואט-וואוינונג וועט זיך אין דער געביידע בכלל נישט געפינען. עס איז אויסגערעכענט, אז אין דער ישיבה זאל זיין פלאץ פאר 450 תלמידים.

די תלמידים געניסען פון

א גרויסען גארטען

ארום דער ישיבה. דער גארטען האלט 3500 קוואדראט איל, ד. ה. העכער 2 מארג, פערפלאנצט מיט בוימער. בכלל איז די געביידע אזוי געבויט, אז זי ענטהאלט פיל בעקוועמליכקייטען פאר די תלמידים.

הרב שפירא האט אויך אויפגעקלערט, אז לכתחילה איז פראיעקטירט געווארען דאס די ישיבה זאל טראגען דעם נאמען „ישיבת מהר"ל", עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז זיינער צייט זענען אין לובלין געווען ישיבות אויך פון מהרש"ל און אנדערע, איז דעריבער בעשלאסען געווארען, אז די ישיבה זאל טראגען דעם נאמען „חכמי לובלין" דאס

(ענדע זעה זייט 6)

זאל פילהארמאניע.

די פאפולערסטע יודישע פאלקס-זינגער

זמרה זעליגפעלד

מ. קיפניס

אין זייער נייעסטען רעפערטואר פון די נייעסטע יודיש-לירישע און הומאריסטישע פאלקס-לידער.

זונטאג ד. 20 יאנואר ד. י.

8.30 אין אוונט.

לאָדזשער כראָניק.

נאַכט-דיזשורעס אין די אַפּטייקן.

היינט דיזשורירן פאָלגענדע אַפּטייקן: פּאָוולאַצקי, פּעטריקאָווער 309; האַמבורג, גליבנאַ 50; גליקסמאַן, נאַריטשזשאָווסקע 4; שוטקעוויטש, קאָפּערניק 26; באַרטמאַ, פּאַביאַניצקאַ 10 און פּאַמאַש, פּלאַץ קאָשטשעלני 10.

פון פאָלק-אוניווערזיטעט ביי ד"ר ציונים-אָרגאַניזאַציע

מאָרגן דינסטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע א פאָרלעזונג א.ד.ט.: „פון בערלינער קאָנגרעס ביז דער וועלט-מלחמה" (1878—1914). דאָס איז די ערשטע פאָרלעזונג פון א ציקל אין דער פּוילישער שפּראַך איבער אַלגעמיינער געשיכטע. פּרעלעגענט — ה' יוסף וואַנדער. דער אַריינגאַנג איז פריי.

די עפענונג פון „מרכז עברי" א. נ. פון ד"ר י. נ. שמחוני
(„ייתרבות")

היינט 8.30 אָוונט קומט פאָר אין לאָקאַל פון „הזמיר" די פייערלעכע ערעפענונג פון „מרכז עברי" א. נ. פון ד"ר י. נ. שמחוני.

אין פּראָגראַם בעטייליגן זיך ד"ר י. גרינקעל (ערעפענונגס-רעדע), דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן (רעציטאַציעס) און די העברעאישע דראַמאַטישע סטודיע ביי „ווילנא".

די אַבאָנעמענטבילעטן אין א באַגרענעצטער צאָהל צו בעקומען היינט פון 6—8 אָוונט ביי דער קאַסע פון „הזמיר".

ווער וועט זיין דירעקטאָר פון דער האַנדעלס-קאַמער אין לאָדז?

קאָנפערענץ ביים האַנדעלס-מיניסטער נישט געבראַכט קיין רעזולטאַט

איבערמאָרגען דאַרף די פראַגע ענטשיידן ווערן

(:) מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך אומגעקערט פון וואַרשא דער לאָדזשער וואָיעוואָדע יאַשטשאָלט, וואָס האָט דאָרט אָפּגעהאַלטען א קאָנפערענץ מיט'ן האַנדעלס-מיניסטער קוויאַטקאָווסקי. אין דער קאָנפערענץ האָבען זיך אויך בעטייליגט די פאָרשטעהער פון דער לאָדזשער אינדוסטריע ד"ר מ. באַרטשינסקי, ראָבערט גייער און עדוואַרד באַביאַצקי, און די פאָרשטעהער פון'ם סוחר'טום ד"ר זאַקס און פרעזעס פידלער.

די דאָזיגע דעלעגאַציע איז געפאָהרען קיין וואַרשא מיט'ן צוועק אַרומצורעדען די פראַגע וועגען בעזעצען דעם אַמט פון דירעקטאָר אין דער לאָדזשער האַנדעלס-קאַמער.

די פאָרשטעהער פון די אינדוסטריעלער האָבען אַרויסגערוקט די קאַנדידאַטור פון געוו. לאָדזשער וואָיעוואָדע ראַראָווסקי, אָנווייזענדיג, אַז ער איז גוט בעקאַנט מיט די לאָדזשער פערהעלטנישען און פערמאָגט זייער אַלע נויטיגע קוואַליפיקאַציעס. דאַגעגען די פאָרשטעהער פון'ם סוחר'טום האָבען אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון אינזש. בעער. די פאָרשטעהער פון דער מיטעל-אינדוסטריע ווידער האָבען פאָרגענומען א נייטראַלע שטעלונג.

נאָכ'ן בעקענען זיך מיט דער שטעלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדעל, האָט דער האַנדעלס-מיניסטער ערקלערט, אַז איהם געהט זעהר דערין, אַז עס זאָל קומען צו א הסכם מכח דער קאַנדידאַטור, וואָרום אין געגענפאַל וועט דער מיניסטער מוזען אויסנוצען זיין רעכט צו בעשטימען א דירעקטאָר פון די פאָרגעשטעלטע 3 קאַנדידאַטורען. דערנאָך גיט דער מיניסטער צייט דריי טאָג צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען וועגען אַרויסשטעלען אין קאַנדידאַט.

אין שייכות דערמיט האָט וואָיעוואָדע יאַשטשאָלט בעשטימט א טערמין ביז מיטוואָך איינשליסליך צו דערפיהרען צו א הסכם צווישען די סוחרים און אינדוסטריעלער מכח אַרויסשטעלען איין קאַנדידאַטור. איבערמאָרגען וועט אַלזא בעקאַנט ווערען צי די בעמיהונגען פון וואָיעוואָדע צו דערפיהרען צו א הסכם, האָבען געבראַכט א רעזולטאַט.

קאַמף געגען בעטלעריי

(וו) נעכטען איז אין דער שטאָט-סטאַראָסטווא אָפּגעהאַלטען געוואָרען א קאָנפערענץ מכח בעקעמפען בעטלעריי. עס איז בעשלאָסען געוואָרען שטרענג צו פערפאָלגען בעטלעריי אין די גאַסען. די בעטלער, וואָס זענען אונפעהיג צו דער אַרבייט, וועלען איבערגעשיקט ווערען אין שטעטישע פּשיטולקעס, די אַרבייטספעהיגע דאַגעגען וועלען אַריינגעגעבען ווערען אין שטאָטישען אַרבייטס-הויז, אַנדערע וועלען פאַר בעטלען בעשטראַפט ווערען.

די וואָס האָבען מיטלען צו לעבען און געהען בעטלען וועלען צום ערשטען מאָל בעשטראַפט ווערען מיט 6 חדשים ביז 2 יאָהר תפיסה, דעם צווייטען מאָל ביז 5 יאָהר תפיסה.

דער ווינטער איז גוט, נאָר דער מסחר טויג נישט...

דער לאָדזשער סוחר חלומ'ט שוין וועגען... פריהלינגס-סעזאָן.

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ס'איז שוין אַריבער א העלפט פון יאַנואַר-חודש און נישט קוקענדיג אויף דעם אָנהאַלטענדיגען פראָסטיגען וועטער, זענען אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע סיי אין גרויס-האַנדעל סיי אין דער רעטייל ביז איצט קיין גרויסע קניות נישט געמאַכט געוואָרען.

די אומזאַצען, וואָס זענען אין די לעצטע צוויי וואָכען געמאַכט געוואָרען אין דער באַוועל, וואָל און גאַרן-בראַנזשע, זענען גאַנץ אונבעדייטענד.

די שטילקייט אויפ'ן לאָדזשער מאַרק לאָזט זיך קודם כל ערקלערען דערמיט, וואָס עס איז איצט די איבערגאַנגס-צייט פון דעם ווינטער- צום זומער-סעזאָן.

אין דער וואָל-בראַנזשע, גאַנץ בעזונדערס אָבער ביי האַלב-וואָל אין ווינטער-סחורות, גרייטען שוין די אינדוסטריעלער זייערע קאָלעקציעס פאַר'ן נייעם פריהלינגס-סעזאָן. פאַר די הורט-סוחרים זענען די טעקסטיל-ווינטער-סחורות יעצט שוין נישט מעהר אַקטועל. און דעמזעלבען ווערען פאַרשטעלונגען אויף דער פּראָווינץ ווערט נאָך געלייזט פאַר ווינטער-סחורות, ווייל סוף כל סוף איז דאָך ווינטער און דער קונה מוז פאָרט קויפען געוויסע אַרטיקלען, אָהן וועלכע ער קען זיך נישט בעגעהן.

פון דער אַנדערער זייט ווידער איז נאָך א ביסעל צו פריה צו קויפען זומער-סחורות. דערנעבען טאַקע אינטערעסירען זיך בלויז מיט די דאָזיגע סחורות נאָך די סאַמע גרעסטע הורטאָווניקעס פון לאָדז, וואַרשא און אַנדערע גרויסע האַנדעלס-צענטרען.

וואָס שייך די פרייזען זענען א טייל גוט-פערלאַנגטע סחורות אפילו געשטיגען אין פרייז מיט עטלעכע פּראָצענט, דאַגעגען ווידער וועניגער געזוכטע זענען געפאַלען אין פרייז.

סיי ווי סיי איז דער סוחר קרח מכאן וקרח מכאן. קיין ווינטער-סחורות קויפט מען נישט, מסתמא דערפאַר, ווייל עס איז קיין געלד נישטאָ און קיין זומער-סחורות קויפט מען נאָך נישט, ווייל מען דאַרף האָבען דעם קאַרגען מזומן אויף [illegible].

אז מען שמועסט: נישטאָ קיין מזל!

O. B.

א שרפה אין א וואָל-הויז

(:) נעכטען אַרום האַלב אַכט פריה האָט אויסגעבראָכען א גרויסע שרפה אין א וואָל-הויז אויף וואָלטשאַנסקא 181 אין דער וואוינונג פון אַדאַם טשאַרנעצקי.

די שרפה איז ענטשטאַנען צוליב אונפאָרזיכטיגקייט ביים איינהייצען דעם אויווען. צוליב דעם, וואָס די טירלעך זענען נישט ווי געהעריג פערמאַכט געוואָרען, איז אַרויסגעפאַלען א ברענענדע קויהל פון וואָס עס האָט זיך אָנגעצונדען דאָס [illegible] פון'ם בעטעל וואָס איז דערנעבען געשטאַנען. דאָס פייער האָט גיך אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטוב און די שטוביגע האָבען קוים בעוויזען צו ראַטעווען זיך מיט'ן לעבען. די אָנגעקומענע פייערלעשער האָבען נאָך אַנ'ענערגישער אַקציע דאָס פייער אויסגעלאָשען. די וואוינונג איז אין גאַנצען צושטערט געוואָרען. עס איז אויך פערברענט געוואָרען דער טישלער-ווערקשטעל פון איינגענטימער פון דער וואוינונג. דער שאָדען איז א בעדייטענדער.

א מקוה אין אנדזשעיעוו

שוין עטליכע וואָכען ווערט געפיהרט זעהר אַנ'ענערגישע אַקציע וועגען מויערען אין אנדזשעיאָוו א מקוה אויפ'ן מאָדערנעם אופן. עס געפינען זיך שוין אחוץ ע"ה אין אנדזשעיאָוו בערך 150 יודישע פאַמיליעס, מ'האָט שוין געקויפט אַנ'אויסגענומען פּלאַץ אויף א מקוה, און אויך איז שוין געזאַמעלט געוואָרען א קאַפּיטאַל פון 2500 זלאָטים בלויז פון די אנדזשעיאָווער איינוואוינער. ווי מען הערט, וועט מען אין די נאָהענטסטע וואָכען לייגען דעם גרונד-שטיין. עס איז פאַר דעם צוועק געשאַפען געוואָרען א ספּעציעלע קאָמיטעט מיט'ן רב בראש.

בערנאַרד באַראָן

(ענדע פון זייט 8).

ווען באַראָן איז נאָך געווען א יונגעל פון א יאָהר פופצעהן, האָט די פאַמיליע עמיגרירט קיין אַמעריקא. וועגען דאָס לעבען פון דער פאַמיליע אין אַמעריקא איז אויך זעהר ווייניג בעוואוסט. מען ווייסט נאָר דאָס, וואָס מר. באַראָן זעלבסט גיט איבער, אז ער האָט געלעבט אין אַמעריקא 30 יאָהר און דאָס זענען געווען יאָהרען פון גרויס מאַטעריעל און שווערע לעבען. ער האָט אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען אין א טאַבאַק-פאַבריק פאַר פיר דאָלאַר א וואָך און איז געשלאָפען אין שאַפּ, וואו ער האָט געאַרבייט. לאַנג איז אָבער באַראָן אין שאַפּ נים פערבליבען. ביי יענער צייט זענען צום ערשטען מאָל אַרויס אין דער מאָדע פּאַפּיראָסען און דער יונגער באַראָן האָט זיך גענומען צו דער נייער ביזנעס. ער פלעגט דורכ'ן טאָג אַליין אויסאַרבייטען עטליכע טויזענד פּאַפּיראָסען און אין אָוונט פלעגט ער זיי אַליין פערקויפען, הויפּטזעכליך צווישען די סטודענטען פון קאָלומביא אוניווערזיטעט. אויף דעם אופן האָט ער פערדינט זיין לעבען און האָט אויך גענומען אַרויסאַרבייטען אַנ'אייגען געשעפט. אַנשטאָט אַליין צו מאַכען די פּאַפּיראָסען און אַליין זיי פערקויפען, האָט ער גענומען אָנגעשטעלטע אַרבייטער איהם צו העלפען. שפּעטער האָט ער אינגאַנצען אויפגעגעבען די אַרבייט אין שאַפּ און איז געוואָרען דער בעל-הבית פון זיין אייגענער פּאַפּיראָסען-פאַבריק.

קיין גלענצענדע געשעפטען האָט ער אָבער, ווי עס ווייזט אויס, נישט געמאַכט נישט אַלס מאַנופאַקטורער און נישט אַלס אַרבייטער. קיין גרויסער קאַפּיטאַליסט איז ער אין אַמעריקא קיין מאָל נישט געוואָרען. ער איז אפילו פאַר א געוויסער צייט אַוועקגעשלעפּט געוואָרען אין דעם שטראָם פון ראַדיקאַליזם, וועלכער האָט דאַן זעהר היימיש געוועזען אויף דער יודישער גאַס. אפילו יעצט ווען ער איז שוין איינער פון די רייכסטע בעלי בתים אין ענגלאַנד, האַלט זיך בערנאַרד באַראָן פאַר א ראַדיקאַל. ער גיט בעדייטענדע נדבות צום קאַמפּיין-פאָנד פון דער אַרבייטער-פּאַרטיי. צווישען זיינע פריינד אין אַמעריקא רעכענט באַראָן אויך דעם פערשטאָרבענעם סאַמועל גאָמפּערס מיט וועמען ער האָט אַמאָל צוזאַמען געאַרבייט אין א טאַבאַק-פאַבריק אין ניו-יאָרק.

גער באַראָן האָט קענטיג נישט געקריגען קיין שום יודישע ערציהונג און האָט נאָך מסתמא פון זיין יונגעלשער אומגעבונג גע'ירשנ'ט זיין איצטיגע נישט אונבעדינג ענטוזיאַסטישע בעציהונג צו יודישקייט און צו יודען.

— איך בין אויפגעבראַכט געוואָרען מעהר אַלס קאָזאַק איידער אַלס יוד — האָט ער ערשט דאָ נישט לאַנג ערקלערט א קאָרעספּאָנדענט פון אַנ'ענגלישער צייטונג.

זיין פאָטער האָט זיך אין דער סקלאַווערייע אַזוי שרעקליך אָנגעליטען, אז ער האָט בעשלאָסען, אז ער מוז זיינע קינדער ראַטעווען פון ענליכע צרות אונז.

(דאָס ווייטערע קומט)

א לאָדזשער „פויגעל"

אַן אָנפיהרער פון אַנ'אינטערנאַציאָנאַלער גנבים-באַנדע אַרעסטירט געוואָרען אין דייטשלאַנד

(—) אין דער שפּיץ פון אַנ'אינטערנאַציאָנאַלער איינברעכער-באַנדע, וואָס איז די טעג ענטדעקט געוואָרען אין בערלין, איז געשטאַנען, ווי מיר דערוויסען זיך, א לאָדזשער פויגעל, איינער א משה עהרליך. די דאָזיגע ענטדעקטע באַנדע האָט פינגירט אונטער'ן נאָמען פון דער פירמע „הערש ענגעל אונד געגאָסען". די באַנדע האָט גראַסירט איבער גאַנץ דייטשלאַנד און געהאַט אין בערלין א מאַגאַזין, וואו עס זענען געהאַלטען געוואָרען די גע'גנב'עטע זאַכען, וואָס זענען שפּעטער איבערגעשיקט געוואָרען קיין האָלאַנד, בעלגיען, שווייץ און פּוילען. אין בערלין האָט די באַנדע אויך געהאַט אַנ'אייגענעם יובעליר-געשעפט, וואו מען פלעגט דאָס גע'גנב'עטע צוזאַמען אומאַרבייטען און איבערשלייפען נישט צום דערקענען. פון איצט זענען אין אַמסטערדאַם אַרעסטירט געוואָרען און געבראַכט געוואָרען קיין לייפּציג 21 איינברעכער. די גרעסטע צאָהל פון זיי איז שוין לאַנג געזוכט פון דער פּאָליציי.

אַבאָנירט

פון 15. יאַנואַר 1929 דאָס „לאָדזשער טאָגעבלאַט".

זיך געפונען

אָריגינעלער ראָמאַן פון דער נייער יודישער תקופה

פון י. ל. ליפשיץ

(פאָרטזעצונג).

— אפשר ווי דוד בשנותו את טעמו? — האָט שוואַרצקאָפּ געשמייכעלט.

— אָה, ניין! כ'מיין טאַקע, ווי דוד, ווען ער איז געשטאַנען פאַר דער גבור גלית, וועלכער האָט געלעסטערט דעם יודישען גאָט מיט דעם יודישען פאָלק.

שושנה האָט געקוקט, דאָ אויף יהודה'ן, דאָ אויף שוואַרצקאָפּ'ן. זי האָט בעמערקט א גרויסע ליכטיגקייט אויף זייערע פּנים'ער.

— איך זעה, — האָט זי פרעהליך גערעדט, — ווי א גרויסע ליכטיגקייט בעדעקט מיין יהודה'ס פּנים, און איהר, גרויסער שוואַרצקאָפּ, קוקט אויס ווי איהר כ'וואָלט זיך אין עפּעס א רוחניות'דיגען ים. עפּעס דערקען איך אין אייך ביידען, אז א גרויס גליק האָט אייך געטראָפען, זאָגט מיר מיינע טייערע! דערצעהלט מיר! לאָמיך זיך אויך פרעהען.

שוואַרצקאָפּ האָט ווי עפּעס סודות'דיגעס אַרויסגערעדט:

— טייערע, גוטע שושנה! א גרויס גליק האָט מיך געטראָפען! כ'האָב געפונען מיין פערלוירענעם ברודער.

— וואו איז ער? פאַרוואָס ברענגט איהר איהם נישט אַהער?

— ער איז דאָ, טייערע שושנה! אָט שטעהט ער פאַר אייך! ער האָט אַרומגענומען יהודה'ן און האָט איהם געקושט.

ער האָט דערצעהלט שושנה'ן זייער אייביגען בונד מיט דער שבועה. א גליקליכער שכינה'דיגער שמייכעל האָט געשוועבט אויף שושנה'ס פּנים. און זי האָט שטיל, ווי א תפלה געזאָגט: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד", זי האָט אויפגעהויבען די הענט אין דער הויך און האָט געזאָגט: „אָה, גאָט פון ציון און פון דער גאַנצער וועלט, הער צו מיין געבעט, און ברענג צו מיר מיין גרויסען ברודער לעבנ'ען און מיין ליבע גרויסע שוועסטער בעטקע און מיינע גוטע אומשולדיגע עלטערן". צוויי גרויסע טרערען, ווי דימענטען, האָבען זיך אַראָפּגעקייקעלט אויף איהרע ליכטיגע באַקען.

„אמן"! האָבען ביידע מיט אַמאָל געענטפערט. יהודה האָט געקושט איין טרער און שוואַרצקאָפּ די צווייטע און שושנה האָט זיך געבאָדען אין גליק.

— באַלד וועט שוין אָנקומען דער מאָרגענשטערן, — האָט שושנה געזאָגט.

— לייגט זיך צו אַביסעל שלאָפען, מיינע בראַווע ברידער!

— ניין! מיין שושנה! היינטיגע נאַכט זאָל זיין פערצייכענט צווישען די טעג ווייל זי האָט אונז געבראַכט גרויס גליק און ליכטיגקייט.

שושנה'ס האַרץ האָט אָנגעהויבען זינגען, ווי עפּעס א גרויסע שמחה וואָלט איהר בעהערשט. זי האָט געפיהלט, אז עפּעס וואונדערליכעס, גרויסעס וועט מוזען באַלד געשעהן.

שוואַרצקאָפּ'ן איז אַריין א גליקליכער געדאַנק. „ס'איז שוין געקומען די צייט צו ענטדעקען דעם סוד"?

יהודה האָט אויך געפיהלט דאָס זעלבע, אָבער ער האָט געוואָלט פריהער פאַרבערייטען זיין שושנה'ן פאַר דעם גרויסען גליק, און ער האָט א זאָג געטון:

— יאָ, מיין שושנה האָט רעכט, מען מוז כאָטש אַביסעל זיך לייגען אָפּרוהען.

שוואַרצקאָפּ איז ווי א פער'שכור'טער אַוועק אין זיין שלאָף-צימער.

און יהודה האָט אַרומגענומען שושנה'ן און האָט צו איהר גערעדט ווי צו א קינד:

— מיין שושנה, מיין טויב! א גרויס גליק האָט אונז גאָט צוגעשיקט. מיר האָבען געפונען אָט דעם גרויסען אַמעריקאַנער'ס געליבטע מעדעל.

— געלויבט איז גאָט! — האָט שושנה געשעפּטשעט.

— וואו איז זי? ברענג זי אַהער! כ'וועל זי קושען, ווי מיין שוועסטער.

— מיין שושנה! כ'האָב זי נישט געקענט ברענגען אַהער. מיר מוזען זיין מיט איהר זעהר פאָרזיכטיג, ווייל גיפטיגע שלאַנגען, קראָקאָדילען ווילען אַריינלאָזען זייער גיפט אין איהר. זי איז אַרומגערינגעלט מיט שטעכענדיגע דערנער! איך האָב זי געלאָזען אין א זיכערען פּלאַץ, און מאָרגען וועל איך דיך, מיין לעבען, פיהרען צו איהר.

— ווי קוקט זי אויס, מיין טייערער יהודה?

— אָט פּונקט, ווי מיין ליכטיגע שושנה, און אויב דו ביזט די „בלום פון ארץ ישראל" וועלען מיר זי רופען „די בלום פון יהודה", און איהר ביידע וועט בעצירען אונזער הייליג לאַנד. איהר וועט ביידע לייכטען, ווי די כרובים אין בית המקדש אויפ'ן ארון הקודש.

— איך וועל זי ליבען אָט פּונקט, ווי מיין שוועסטער בעטקע. יאָ, מיין בראַווער יהודה! נאָך איידער איך האָב זי דערקענט, האָב איך איהר שוין ליב בעקומען. נאָר ווי דערלעבט מען שוין דעם מאָרגען.

— ש. אַף, מיין שושנה! א גליקליכער מאָרגען וואַרט אויף דיר. — און זיי זענען איינגעשלאָפען מיט א גליקליכען שלאָף.

ווען שוואַרצקאָפּ איז אַריין אין זיין צימער, האָט ער בעשלאָסען, אז די צייט איז געקומען צו לאָזען זיך דערקענען. ער האָט געפיהלט, אז אויף אַזא גרויסען קלוגען און שטאַרקען מאַן, ווי יהודה, און אויף אַזא איבערנאַטירליכער שושנה קען מען זיך פערלאָזען מיט דער גרויסער שליחות. זיי וועלען וויסען, ווי צו האַלטען דעם סוד. און זיי אַלע וועלען שוין געפינען אַנ'עצה צו געפינען די עלטערן, אויב זיי לעבען נאָך, און דאַן וועט זי קענען פליהען צו איהר געליבטען לז.

שוואַרצקאָפּ האָט אויסגעטון זיינע מאַנסבילשע קליידער, מיט זיינע הענט, האָט אָנגעטון א פרויען נאַכט-העמד און איז איינגעשלאָפען מיט א רוהיגען שלאָף.

יהודה איז אויפגעשטאַנען פריהער פאַר אַלעמען, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרבערייטען אויך שוואַרצקאָפּ'ן, אז די צייט איז שוין געקומען. ער האָט געהאַנדעלט זעהר פאָרזיכטיג און מיט שכל.

אויף די שפּיצפינגער איז ער אַרויס פון שושנה'ס צימער. ער האָט אויפגעעפענט די טיר פון גאָרטען. ער איז געגאַנגען צום פענסטער פון שוואַרצקאָפּ'ס צימער. זיי זענען געווען פערהאַנגען. „זי איז זעהר פאָרזיכטיג", האָט ער געטראַכט. נישט לאַנג טראַכטענדיג איז ער אַרויף אויפ'ן דאַך. ער האָט מיט א שליסעל געעפענט א טיר, וועלכע ס'האָט געפיהרט צו שוואַרצקאָפּ'ס צימער, ער איז שטיל אַריין צו שוואַרצקאָפּ'ן.

רוהיג און גליקליך איז בעטקע געלעגען מיט איהר מלאך'דיגען פּנים אין דער הויך און איז געשלאָפען. זי האָט גאַרנישט חושד געווען, אז אָט דער גזלן יהודה איז געקומען אַרויס'גנב'ענען איהר סוד.

יהודה האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקען פון איהר שעהנעם ליכטיגען פּנים. „מיין גאָט"! האָט ער געטראַכט, „אָט דאָס איז די שעהנע קליינע בעטינקע! אָט דאָס איז די גרויסע הויפּטריכטערין פון דער גרויסער רויטער מלוכה, וועלכע מאַכט ציטערן א וועלט! אָט דאָס איז די מאָדערנע יהודית, וועלכע האָט אַוועקגעשיקט אויפ'ן עולם האמת דעם גרויסען רויטען אשמדאי! אָט דאָס איז די פאַרשוואונדענע איבערנאַטירליכע מעדעל. די שעהנע בערעמהערציגע שוועסטער בעטקע, פאַר וועלכער דער גרויסער לייב וויל זיך לאָזען אפילו מקריב זיין! און אָט דאָס איז מיין שוועסטער בעטקע מיט איהר גרויסע נשמה, מיט איהר גרויסע שליחות מיט איהרע איבערנאַטירליכע פּלענער פאַר'ן פאָלק ישראל! זי ליגט און שלאָפט און גוטע מלאכים וואַכען איבער איהר".

ער האָט איינגעהאַלטען דעם אָטעם. ער האָט געקוקט מיט א הייליגע בעוואונדערונג. בעטקע האָט זיך א קעהר געטון, יהודה איז געבליבען שטעהן בעוועגלאָז. ער האָט זיך געשראָקען פאַר דעם מאָמענט, אז די פּלוצלינגע איבעראַשונג זאָל איהר חלילה נישט שאַדען. און ווי וועט ער זיך קענען פערענטפערען פאַר זיין טאַט. אָבער ער מוז אַזוי האַנדלען, בעסער זאָל ער ליידען בושה, איידער איבערלאָזען זי אַליין מיט די רויטע טייוואָלים. אָבער שאַ... בעטקע עפענט אויף איהרע גרויסע שוואַרצע ליכטיגע אויגען. אָבער ס'געדויערט נישט מעהר, ווי א רגע א מאָמענט. שטיל הויבט זי זיך אויף פון איהר געלעגער, אין איהר נאַכט-קלייד מיט איהרע קורץ געשוירענע האָר. אין איהרע אויגען שפּיגעלט זיך א רוח הקודש שיין: זי רעדט נישט; זי נעמט אַרום יהודה'ן און דריקט איהם צו איהר האַרצען. ס'פליסען פון איהרע אויגען גליקליכע טרערען, וועלכע בעפייכטען יהודה'ס פאַרברוינטען פּנים. זי קושט זיינע אויגען, זיין פּנים, זיינע הענט; זי איז גליקליך.

(דאָס ווייטערע קומט)

דאס בית המקדש פון הורדוס מלך יהודה
אין דער געביידע פון דער „ישיבת חכמי לובלין"

(ענדע פון זײט 7).

איז פארשטעהט זיך נוגע די אמאליגע חכמי לובלין.

די גאנצע צייט האבען די געסט זיך באגעגענט מיט קורצע נאטיצען, די פעדער הייבען אבער גאר שטארק געווארען ארבייטען ווען זיי זענען אריין אין א צימער, וואו עס געפינט זיך שוין א טייל פון די אויסגעפערטיגטע שניצערייארבייט צום

בית המקדש אין מיניאטור.

א נאך גרעסערע סענסאציע האט ארויסגערופען דער בויער פון בית-המקדש, דאס איז א עלטערער יוד א נחוסער הענעך ווײנטרויב פון לאדז. פאר דער מלחמה האט ער אויכגעארבייט נייגארן, שפעטער איז ער געווארען א אייגעשטעלטער אין א געשעפט, די מלחמה האט איהם ארויסגעיאגט אין גויט, האט ער זיך מיט זיין פאמיליע איבערגעצויגען אין א קליין שטעטל, דארט האט ער צייט געהאט צו כראכטען און דא האט זיך גענומען צו א זעהר אריגינעלע ארבייט: אויסשניצען א מאדעל פון בית המקדש, לאנג האט ער געארבייט, צוגעהאלפען האט איהם א געוויסער אהרן פעפער, וועלכער האט פון איין זייט איהם צוגעשטעלט די נויטיגע ליטעראטור, פון וועלכער ער האט זיך אויסגעארבייט דעם פלאן פון בית המקדש, אחוץ פון יודישע היסטארישע ספרים און תלמיד האט ער זיך באנוצט מיט ליטעראטור פון בריטישען מוזעאים און פון וואטיקאן.

ר' הענעך ווײנטרויב פערזיכערט, אז דער מאדעל, וועלכער ווערט דורך איהם אויסגעארבייט ענטשפּרעכט דעם בנין פון בית-המקדש ווי עס האט אויפגעבויט הורדוס מלך יהודה. זיינער צייט האט ר' הענעך ווײנטרויב צוזאמען מיט זיין שותף אהרן פעפער איינגעארדענט אויסשטעלונגען פון בית המקדש, די אויסשטעלונגען האבען געהאט גרויס ערפאלג. צוליב סיבות איז דער מאדעל צושטערט געווארען. ביידע שותפים זענען געגאנגען זיך ארויס עררעטען געריכטליך און לסוף איז דער מאדעל כמעט פולשטענדיג פערניכטעט געווארען. ערשט מיט'ן אויפבוי פון דער ישיבה האט זיך ר' הענעך געווענדעט צום פיעטרקאווער רב מיט א פארשלאג אויפצובויען אזא מאדעל פאר דער ישיבה. הרב שפירא האט זיך וועגען דעם פערשטענדיגט מיט יודישע קרייזען אין אמעריקא און דארט איז בעשלאסען געווארען צו פינאנסירען די דאזיגע ארבייט, צוליב דעם האט ר' הענעך אנגעהויבען די ארבייט אין דער ישיבה. 6 חדשים דויערט שוין די ארבייט און נאך 5 חדשים וועט זי דויערען. ר' הענעך פערזיכערט, אז ווען די ארבייט וועט זיין פערטיג, און אויסגעפּערטיגט וועט זי ווערען מיט אלע אייגנהייטען — מיט גאלד און פורפור-דעקונג וועט זי ווירקען היפּנאטיזירענד.

עולם זשורנאליסטען האבען מיט א פערכאפטען אטעם זיך צוגעהערט צו די דערצעהלונג און אויפקלערונג פון דעם דאזיגען בית-המקדש-בויער, מיט פערוואונדערונג און ענטציקונג בעקוקט יעדעס שטיקעל ארבייט, די פלערליי שניצערייען, און נאכמעהר בעוואונדערט דעם דאזיגען פשוט'ן ר' הענעך, א יודישער קרעמער, א ארעמאן, וועמענס שול איז געווען דאס בית המדרש, דארט וואו יעדער בחור אויב נאר ער לערנט גמרא און פארמאגט א אייגען מעסערל איז איהם ערלויבט צו „שניצען" און צושניידען אלע פענסטער, טישען און בענק פון בית המדרש. ר' הענעך איז א קינסטלער פון דער ערשטער מדרגה, אבער ווי פערלוירען גיהט זיין טאלאנט און נישט נאר וואס די קונסט און ספעציעל די יודישע קונסט ליידט א געוואלדיגען פערלוסט, וואס אזא ר' הענעך האט אלע זיינע יאהרען אוועקגעלאזט אזוי אונפראדוקטיוו, נאר נישט ווינציגער ליידט דער זעלבער ר' הענעך ווען ער מוז אזוי אין דחקות פערברענגען זיינע יאהרען.

ר' הענעך ווײנטרויב דער יודישער קינסטלער — דאס איז געווען א זעהר גרויסע סענסאציע פאר אלע אהן אויסנאהם זשורנאליסטען.

מיט א „לחיים" איינגעארדענט אין איינים פון די צימערן האט זיך פערענדיגט די ערשטע טייל פון דער עקסקורסיע.

ביים „לחיים" איז דערהאלטען געווארען א בריף פון דער יודישער גמינע אין לובלין, וועלכע ליידעט איין די געסט אויף א זיצונג אין לאקאל פון גמינע-ראט.

די געסט זענען אוועק בעזוכען די היסטארישע ווינקעלעך פון לובלין. מעהר ווי דאס אלטע בית החיים האבען די געסט נישט בעוויזען צו בעזוכען. פון בית החיים זענען אלע אפגעפאהרען אין רעסטאראן, וואו עס איז צוגעגרייט געווארען א מיטאג און דער עו"ם האט זיך אוועקגעזעצט נעמען אין מויל ארייז.

נאכ'ן מיטאג זענען אלע אוועק אויף א חיזוק אין דער יודישער גמינע.

די אויפנאמע איז פארגעקומען אין זאל פון קהלה-ראט

אויף רינעק 8. עס זענען אנוועזענד געווען די פרעזידיומס פון קהלת-פערוואלטונג און קהלה ראט.

פרעזעס אדוו. ווארמאן בעגריסט די געסט אין נאמען פון קהלה-ראט, איבערגעהענדיג צו לובלין דערמאנט פרעזעס ווארמאן עטליכע געשיכטליכע דאטעס פון יודישען לובלין, שטרייכט אונטער, אז די ערשטע יודישע דרוקעריי איז געשאפען געווארען אין לובלין(?) די ערשטע יודישע קהלה אין לובלין איז ענטשטאנען אין יאהר 1616, קעניג אויגוסט האט געגעבען א ערלויבניש אין 16-טען יאהרהונדערט צו גרינדען אין לובלין א ישיבה. לובלין האט קיין פנקס נישט. א געוויסער כלל-טוער האט מיט יאהרען צוריק פערברענט דעם פנקס, ווייל ער איז דארט געווען שלעכט בעשריבען. מאכענדיג א פ"ת וועגען איבערזיכטען מצב פון די קהלות בכלל און די לובלינער קהלת בפרט אפּעלירט פרעזעס ווארמאן צו די פרעסע פארשטעהער, אז זיי זאלען מיטהעלפען צו דער ענטוויקלונג פון די קהלות.

וויצע-פרעזעס בראמבערג דערגענצט די רעדע פון ה' זילבער און שטרייכט אונטער, אז אין דער פאזיטיווער ארבייט פון דער קהלה בעטייליגען זיך אויך אנדערע עלעמענטען, פון נישט ארטאדאקסישען לאגער. די און אט אלע שטאטישע עלעמענטען געפינען דעם וועג פון קאמפראמיס און מען בעקומט נישט קיינעם.

ה' מ. אייזענבערג ערקלערט, אז די לובלינער קהלה גיהט אויס'ן וועג פון קאמפראמיס און דעריבער איז די ארבייט א פאזיטיווע, וואס שייך דער ישיבת חכמי לובלין ערקלערט ה' אייזענבערג אז די ישיבה איז געבויט נישט בלויז פון אמעריקאנער געלד, נאר קודם כל א דאנק דעם ה' שמואל אייכענבוים, וועלכער האט געשאנקען דעם דאזיגען פלאץ און דעם ה' זילבער, זיינער צייט א האלבען מיליאן ציגעל, ביי די לובלינער יודען וועט מען ערשט נעמען געלד אויף דער ישיבה.

אין נאמען פון די ציימונגס-פארשטעהער האט רעדאקטאר א. אייזענהארן אלס סעניאר פון די זשורנאליסטען געדאנקט די פרעזידיומס פון די קהלה-קערפערשאפטען פאר דער אויפנאמע און אונטערגעשטראכען, אז דערמיט האט די גמינע ארויסגעוויזען אינטערעס און פערשטענדניש פאר'ן געדריקטען הארץ פאר דער עפענטליכער מיינונג צו די מיליאנען לעזער פון די יודישע צייטונגען. נישט אלץ—זאגט ה' אייזענהארן, האבען מיר בעוויזען צו זעהן אין לובלין, מיר האבען אבער געזעהן די פיזיאנאמיע פון דער שטאט, מיר האבען געזעהן פנים'ער פון יודען, וועלכע מאנען אונז דערמאנט אין דעם חוזה מלובלין און עס איז נישט קיין צופאל, וואס די ישיבה ווערט געבויט אין לובלין. תורה חוזרת לאכסניה שלה. לובלין איז געווען און וועט דעריבער ווייטער זיין די שטאט פון תורה.

אין אווענד איז אין וואוינונג פון ה' אייכענבוים איינגעארדענט געווארען א באנקעט לכבוד די געסט. אויפ'ן דאזיגען באנקעט האט הרב שפירא אין א לענגערען רעפעראט בעקענט די אנוועזענדע מיט די צילען און אויפגאבען פון דער ישיבה.

„פ. ט."

8-טונג!
דאס
לאדזשער טאגעבלאט
פארקויפט מען טעגליך 6 א זייגער פריה
אין אלע באהן-קיאסקען פון
„רוך"
(„Ruch")

לעמשניצע
17 זגערסקא 17, טעל. 16-83.
אלערליי קראנקהייטען ווערען עמפּפאנגען דורך ספעציאליסטען: דאקטוירים פון 9 פריה ביז 6 אווענד.—מאסאזש, עלעקטריזירטע מאקען-שטעלען, קינסטליכע בערגזאלץ-בעשטראלונגען אימפּעגען געגען שקאר לאמינג.

דרוקזאכן
אלערליי
ווערען שנעל, און פראמפט אין דער פיינסטער אויספיהרונג און די מאדערנסטע שריפט אויסגעפערטיגט.
קלעפסידרעס
(מארעס-אנצייגען)
ווערען אין פערלויף פון 2 שעה געדרוקט און אויסגעקלעפט איבער דער גאנצער שטאט.
בוכדרוקעריי
ע. און מ. האמבורסקי
פיעטריקאווער 16, טעל. 47.

2 צימער און א קיך
מיט בעקוועמליכקייט און 3 קעלער-רוימען, פאסענד פאר לאגער אדער פאבריקס-רוים אויך קאנסטאנטינער 48 פון זאפארט איבערצוגעבען. צו דערפאהרען ביי הערש סקאטאווסקי, נאוואמיעסקא 29 פראנט 1-טער שטאק. 234

צו פערמיטען
א גרויס פראנט-צימער חסכאדניא № 69 (רוג דזשעלנא) אין צווייטען קליינעם קארידאר. 2-טער שטאק וואוינונג 18 239

ס'ווערט געזוכט א יונגעל
און א מיידעל אין דער דרוקעריי פון מ. י. קיטאס, קילינסקיעגא 18

אל תתהלל ביום מחר
כי לא תדע מה ילד יום.
לייג נישט אפ אויף מארגען
נאר אז דו דארפסט ערלעדיגען סאנדאווע זאכען זאלסטו גלייך קומען צו לויפען אין ביורא
17 פיעטריקאווער 17
52 זאכאדניא 52
וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאפט געשריבען לויט'ן אינסטאנץ אלערליי ביטס, קלאוזולעס, זאפעזופיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, ציווילע און קארנע אפעלאציעס, אדוואלאניעס, רעקורסען וועגען דירה אין ארושאנד-ראזיעמטשי, וועגען פעספער אין קאמיסאריאט-רושאנד און אלע פאליציי-בעצירקען, אקטען איינטערציעס, אקטען דאראווי נעס, קארנע ספראוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. ספעציאליסט און שותפות-אקטען.
מיט אכטונג
י. מאנעלא רעכט-קאנסולענט



צוליב די הויך-טעכנישע און טיראנישע סעמציע ביים צייטליכן כוהרים ערשיינט אויף לאדזשער וואיעוואדזטווע, פיעטריס. 10 ארגאניזירט אין בעשלאסען אינגאנצען נישט צו פערקויפען די קונדען, וועלכע פיגורירען אויף דער אונטען-אנגעגעבענער ליסטע. אויף דער ליסטע פיגורירען די קונדען, וועלכע האבען נאך א צוויי-מאליגע אויפפאדערונג נישט ערלעדיגט.

די קונדען וועלכע וועלען ערלעדיגען, וועלן געשטראכן ווערן פון דער ליסטע און וועלען בעקומען ווייטער קרעדיט.

ליסטע פון נישט-רעעלע סוחרים:

בירנבוים ל., דאמביע
בלומענבלאט, לאדז, פאמארסקא 64
בעקער ד., לענטשיץ
בריל פ., אלעקסאנדער
בארענשטיין, לאדז, אלעקס. 2
גאלדבערג מ. לאדז, זיעלאנא 40
בערקאוויטש, אייאזר
ביאלקאוויטש ל., צ. ראוו
בראנבערג אבר. אסטראוויעץ
גאזעס הערמאן, קאנין
גאזנער בערעק, ראוונא
דוקער א. ש., אלעקס. קוזאוו
דייניאנאש, כאניצע
כהן שמ., לובלין
באריל וואלף א. גראבאוו
דיאנסקי, ח. אינוורוצלאוו
דאברזשקלאוואק, דאבזשין
ראדאמסקי ראפ. וואדשאווע
דרעוויאני, קיעלץ
דערמאן מ. לוצק
פירש בערטא, קאלא
פעלמאן מ. סקאזשיכע
גראסאו ס. לאדז, שקולנא 28
גאווריליאוויטש, לענטשיץ
גרינבוים פ. זידלאוויעץ
גוויירצמאן. קאברין
הלפאס, ליפנא
הלפרין איז. אפאטאוו
הערבסט מ. לאדז, קילבאך 4
הערצנבערג, טשעוו
קראשיצקוויטש גדיניא

קירשטיין ל., סטארגארד
קורץ ש. לאדז, צעגעלניאנא 5
קאלוזשינסקי ק. אסטראוו
קאפעל י. קאליש
קאי א. טורעק
קאי, גאלוב
קא כ. טשענסטאכאוו
קאסעלמאן ל. ראדאמסק
קלינאווסקי כ. ווארשאווע
קעט שלמה, קאליש
ליפסקער ס. י. דאבזשין
ליסאן ש. זשירארדאוו
ליממאן ד. קאלא
ליבערמאן י. ראדאם
נוימאן כ. לאדז, נאוואמיעסקא 2
נויפעלד כ. לאדז, סקלאדאווא 18
אכשוידא, זבאזשין
פאס י. קאליש
רובינשטיין י. פיעטריקאוו
ראזענקראנץ ט. לוטאוו
ראטער מ. דאבזשין
רוזאק ס. קאליש
ראקס בערעל, כאראני אויף די קרעסען
רייכמאן ש. קאליש
ראכמאן פ. לאדז, נאוואמיעסקא 16
ראזענטאל כ. לאדז, פל. דאמבר. 4
ראזען שלום ראוונא
סאסנקאווסקי, דאנציג
סצניק מ. וולאצלאוועק
זינגערמאן כ. קאליש
שטיינבערג כ. פיעטריקאוו

שיקטאוו, בידגאשטש
שיפטשינסקי, פאזען
שיטאן, גאסטינין
שפיצא עזר, לאדז, צעגעלנ. 8
שלייף בערעק, לוצק
שטולזאפט, גאלוב
שנידער ב. ראוונא
טרויפע, דאברא
וועליגשקי כ. זשירארדאוו
וואלמיש, בלאניע
ווידערסקי וואי. אינאווראצלאוו
ווידערסקי סטעפ.
וועלצמאן ב. לובלין
וויינפעלד י. ס. כמיעלניק
ווארצמאן כ. אסטראווע
וואשטשש, טשארנקאוו
וואשאנסקי ש. דאנציג
ווייצנער מ. וו. ווארשא, פראנצ. 32
ווייצמאן מ. אלקוש
ווינער כ. פאביאניץ, זאמקאווא 12
ווינרייך, נאווא ווילעיקא
וועלטשער כ. ראוונע
זאלעווסקי ל. איזשביצא
זלאטאווסקי, סאפניצא
זשימני, פאזען
זשיכאלק ש. קאנסק
זאמעל קאלמאן, פיעטריקאוו
זילבערבערג ב. פיעטריקאוו
זאוואדזקי ה. לעשנא
זיידמאן ע. קאטאוויץ
דונקעלמאן ז. דאנציג

לאדז, ד. 14 יאנואר 1929

„דבר"
עתון פועלי ארץ-ישראל
Tel-Aviv P. O. B. 199 תל-אביב ת. ד. 199
חשבון מיוחד בפ. ק. א. 191,300.
דמי החתימה לחודש — 10 זהוב.
לחברי תנועת א"י העובדת על כל אגפיה ומפלגותיה —
„תרבות" — מוריה ומוסדותיה — הנחה. פרטים במרכזים.

אכטונג
פאליסען-אינהאבער!
די פערזיכערונג — „NA ŻYCIE"
ביי סען און פאליסען
ווערען נאך איינע טעג רעגיסטרירט ביים פערזיכערונגס-אינספעקטאר
ח. קאנסקער, קאמיענגא 9
ווי אויך אסעקורירט איך פאר פייער און גנבות.
טעלעפאן 75-88

1929 1929
האנדעלס-פאטענטען
בעזארגט דאס
ביורא „ארגוס" זאכאדניא 36.

וויכטיג פאר דאמען!
פאר נאר
2.50 זל.
מאכט איך די עלעגאנטסטע דאמען-היטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע און די עלעגאנטסטע היטע איבערארבייטע איך אויף גאנצליך נייע. געדענקט די אדרעס: זאוואדזקא 23 אין הויף. 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער.
„TOLA"

מעבלאנישע שלאסעריי און שווייסעריי
J. Reder, Łódź
Konstantynowska 11 róg Zachodniej
כ'נעהם אן פערשידענע מאשינען-רעפעראטורען ווי צופאסען פערשידענע מאשינען-טיילען. און אויסאגענישע שווייסונגען.
שנעל און ביליג!
בעמ.: פריוואט-וואוינונג גדאנסקא 20 וו. 17.

אנאנסען-פרייזען: פאר א הויז אין פוילען 5 זל., אין פראנקרייך און בעלגיען--20 פראנק, אין אנדערע לענדער--1.25 דאלאר. אנאנסען-פרייזען: פאר א מילימעטער-שורה פאר'ן טעקסט 15 גראשען, פרעמדע 24 גר., אין טעקסט 40 גר., פרעמדע 60 גר., נאכן 25 גר., פרעמדע 10 גר. פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. אויסער דער שבת-פיר 50% טייערער. פון די פרייזען ווערט נישט קיין אפצאל געגעבען קיין ראבאט.

Redaktor-wydawca E. Hamburski

Tłocznia E. i M. Hamburskich w Łodzi Piotrkowska 16.